לאמיר זיין, אלה מועדי ה' אשר תקראו אותם מקראי קודש, אפשר גייט ער ארויף אויף די אלע. וואס שטייט דאך שבעת ימים תקריבו? בדרך דוחק, ווער ס'וויל דוקא לערנען קרום קען אזוי לערנען. אבער ס'שטייט דאך נישט אזוי. לכאורה זעט אויס ממש פארקערט, ווי ס'שטייט ביום השמיני מקרא קודש, שבעת ימים תקריבו, אבער נאר ביום השמיני איז מקרא קודש.

אבער דער רמב"ם אליין האלט אויך אזוי, ווייל דער רמב"ם אליין זאגט דאך אז ס'איז נישט... אזוי ווי שפעטער זאגט ער... אמת, ס'איז נישט מדאורייתא, אבער וואו שטייט מקרא קודש?

**בדיקה אין די גמרא חגיגה י"ח**

### Speaker 1:

ער ברענגט כ"ג ד', און מ'דארף קוקן אין די גמרא אין חגיגה י"ח. דארט וועט מען אפשר דיסקאווערן וואס די גמרא האט געמיינט. אבער לאמיר... איך פארשטיי נישט פון וואו ס'קען זיין. דו ווילסט קוקן אין די גמרא א סעקונדע? יא. חגיגה י"ט. וואו האט ער געזאגט? וואו שטייט דאס? חגיגה י"ט עמוד א' אדער עמוד ב'? ס'שטייט נישט דא גארנישט, אין די ראנג פלאץ.

נאכאמאל, ער ברענגט עס, רייט? אוי, איך בין אוועקגעגאנגען פון די רמב"ם יעצט. נאכאמאל, פון וואו ס'קומט, זאגט ער, פון י"ח, סארי, י"ח.

**"מנא הני מילי דחולו של מועד אסור במלאכה?"** פרעגט די גמרא א שאלה. זעט אין די גמרא אז חולו של מועד אסור במלאכה, פון וואו ווייסטו? איינער האט געזאגט, שטייט דאך "חג המצות תשמר שבעת ימים", זעט מען אז ס'איז דא זיבן טעג חג המצות. הגם תשמר מיינט לכאורה פון חמץ, אבער ער האט געהערט אז תשמר מיינט בכלל וואס מ'זאל טון. אקעי, בקיצור, נישט קלאר.

אזוי זאגט די גמרא, **"תאמר בחג המצות שקרוי מקרא קודש"**. בקיצור, די גמרא מאכט אזא קל וחומר. **מה לר"ח שאין קורין מקרא קודש, תאמר בחולו של מועד שקורין מקרא קודש.**

וואס זאגט רש"י? ווי איז קורין מקרא קודש? יא, ס'איז דא פארשידענע דרשות אין די גמרא. ווי איז די לעצטע, ווי איז די רמב"ם'ס שיטה? ווי? ניין, אבער דא, ארויפצו, מה לר"ח שאין קורין מקרא קודש, תאמר בחולו של מועד שקורין מקרא קודש. ווי איז קורין מקרא קודש? טאקע צריך עיון.

וואס זאגט רש"י? ער זאגט נישט. דא שטייט אז ס'הייסט מקרא קודש. הלא קורין מקרא קודש? דאס איז די גמרא. הלא קורין מקרא קודש איז די נישט עשר מלאכה. אבער ווי ווערט עס גערופן מקרא קודש? איך פארשטיי נישט.

**תירוץ: "אלה מועדי ה' מקראי קדש" גייט ארויף אויף אלע**

### Speaker 1:

האבן מיר געהאלטן אז "אלה מועדי ה' מקראי קדש" גייט ארויף אויף אלע פון זיי. ס'קען דאך אבער נישט זיין, אבער מ'זעט דאך קלאר אז דער פסוק איז צעטיילט, אז דא הייסט מקרא קודש און דא הייסט נישט. וויאזוי קענסטו זאגן אזא טאג?

די גמרא זאגט "הלא קורין מקרא קדש", מיינט נישט אז ס'איז דא אויף דעם די מצוה פון מקרא קודש, אבער מ'רופט עס אזוי. ווער רופט עס? ס'איז צוזאמען מיט די מקראי קדש. ווער רופט עס? סתם די גמרא רופט עס, ווער רופט עס? "אלה מועדי ה'" שטייט נאכדעם וואס ס'ווערט אויך דערמאנט אין די מיטל טעג, ווייל ס'שטייט "תשמרו שבעת ימים" וכדומה. בכלל לא מובן לי.

יא, ווי איז חגיגה? בכלל נישט מובן לי. נו, ווי האסטו געזאגט? שקורין מקרא קודש. כל המשך שקורין מקרא קודש. אזוי שטייט אין די גמרא. פון וואו האט די גמרא גענומען אז... רש"י זאגט נאר אז מקרא קודש איז משמיע מלאכה. איך האב מסכים געווען אז מקרא קודש טייטש מלאכה. אבער וואו זעט מען אז מקרא קודש טייטש מלאכה? וואו שטייט דאך פון מקרא קודש?

לא לבנו... וועלכע סארט צדיק וואלט געפרעגט בכלל אזא קשיא? ס'איז דא א שאלה, און ביים דאווענען זאגן מיר אז מ'איז מקרא קודש אויף חול המועד, אריין?

### Speaker 2:

ויתן מוסף, יא, מ'זאגט מקרא קודש. ס'איז דא וועגן דעם מחלוקת צו מ'זאגט מקרא קודש.

### Speaker 1:

אבער ווי זעט מען בכלל אז חול המועד הייסט מקרא קודש? קיינער אין ארט סקול וואלט געזאגט אזא זאך, אבער נישט?

### Speaker 2:

ויקרא כ"ג ל"ז.

### Speaker 1:

פארוואס זאגן מענטשן זאכן וואס סתם אבי? וואס שטייט אין כ"ג ל"ז? אויך נישט. אמת? וואס שטייט דארט?

### Speaker 2:

יענער איז פסוק אין סוף, "אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה'". יא, דאס איז א שטיקל "אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ".

### Speaker 1:

ס'איז דא אפשר א דרשה אין חז"ל אז "אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה'" גייט ארויף אויף אלע פון זיי? איך מיין, דו ווילסט דאך נישט ווערן קיין דאורייתא. דאס ווערט נישט קיין דאורייתא. וועגן ער זאגט "קראו מקרא קודש", מיינט אז די תורה רופט עס אזוי, הגם די תורה איז נישט מצווה, אזוי זאגט דער רמב"ם. זי רופט עס נישט אזוי. זי רופט עס דאך נישט אזוי. איך פארשטיי נישט. פארוואס פרעגט קיינער נישט אזא בעיסיק שאלה?

זאל איך מסביר זיין דעם פסוק? אפשר וועלן די מפרשי הפשט'ן אין די חומשים וועלן רעדן פון אזא פראבלעם? ווי זעט מען אז בכלל הייסט עס מקרא קודש? ס'איז מיר א פלא אז איך קוק דא שנעל אין אוצר החכמה און אלע מפרשים, און קיינער זאגט נישט וואס. ס'שטייט דאך קלאר אין די פסוק אז ס'הייסט נישט מקרא קודש. איך דארף אנדערסטענד.

**שייכות צו נוסח התפילה**

### Speaker 1:

און ס'איז טאקע דא, דאס איז איין זאך, אין די נוסח התפילה איז דא וואס פירן זיך טאקע אין חול המועד נישט צו זאגן מקרא קודש, ווייל זעט אויס זיי האבן פארשטאנען אז די פסוק איז געווען מיר... און מ'פרעגט אויף זיי... קשיא לי, ווער איז דער אונטערשטער? דא שטייט "בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן מִקְרָא קֹדֶשׁ... בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִקְרָא קֹדֶשׁ". אהא, איך האב נישט קיין מסקנא. אזוי ווי דו זאגסט, אז ווען ס'איז דיר שווער איז דיר שווער.

**תירוץ פון ר' חיים משה ריינהאלד**

### Speaker 1:

אה, ר' חיים משה ריינהאלד. איך האב קיינמאל נישט געהערט פון דעם איד. ער האט נישט געהערט מיין ספר "שכל חגיגה". ניין, ווער איז ער געווען? ווען איז ער געווען?

### Speaker 2:

לעמבערג.

### Speaker 1:

פארוואס? א איד פארשטאנען. אקעי. א הונדערט יאר צוריק. דו האסט געהייסן ריינהאלד. ס'מאכט סענס. אקעי. עפעס א גאליציאנער איד האט געפרעגט א קשיא. ער טרעפט נישט... "ולא מצאתי לישב כי אם במה שנאמר", נו, איך קען עס ליינען וואס ס'שטייט. "כיון דגמרינן כל המועדים", ס'שטייט "אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה'", זייער גוט, ער רעדט פון דעם פסוק, ווייל ס'איז דא פלעצער וואס מ'זעט אין די גמרא אז מ'לערנט אלע מועדים הקלער פון דעם פסוק, "ויום ביומו", און דאס מיינט אויך... איך מיין אז אונז זאלן זיך נישט אזוי פיל אפשטעלן דערויף, ווייל דאס וואלט ווען געמאכט פאר אורייתא איז דאס א שטארקע קשיא. האט דער רמב"ם געזאגט נאר "ונקרא מקרא קודש", וואס זעט אז די תורה געבט עס אזא שיינע טיטל.

**חילוק צווישן "שבתון" און "מקרא קודש" — באופן ציווי vs. באופן כללי**

### Speaker 1:

די אנדערע וויכטיגע זאך וואלט געווען אז צו זען אז ס'איז טאקע געווען גאונים, רב האי גאון האט געזאגט אז חול המועד זאגט מען נישט מקרא קודש ביי תפלה, וואס זעט עס אויך פארשטאנען אזוי ווי אונז אז דער פסוק שטייט נישט דאס. די גמרא זאגט אז ס'רופט זיך מקרא קודש, אבער דאס איז אפשר נאר לענין... אבער ס'איז זייער פאני, ווייל די גמרא מאכט די סארטן אז שבתון זה מודה שטייט נאר אויף די יום טוב, אבער מקרא קודש שטייט אויף אלע.

וואס לכאורה זעט מען, ווייל דאס קענסטו יא זאגן אויב מ'וויל גיין מיט די פסוק פון סוכות, וועסטו זען אז ס'שטייט נישט א שטיקל ועושים שבתון. שבתון שטייט קלאר נאר אויף די טעג וואס עשו ממלאכה, אבער מקרא קודש שטייט יא אין די אנהייב און די ענד, מ'קען לערנען... דארטן איז ווען מ'זאגט עס באופן ציווי, קדשהו אזוי ווי די חכמים זאגן. אבער ווען מ'געבט עס א טיטל אז דאס זענען הייליגע חשוב'ע טעג, דער טיטל איז נישט קיין... זעעסט דאך, דער רמב"ם אליין דארף דאך... אויב זאגט מען נקרא מקרא קודש, פארוואס איז נישטא קיין מצוה פון קדשהו מדאורייתא?

ער האט אויך פארשטאנען אז ביום ראשון מקרא קודש שטייט באופן ציווי, שטייט נאר ביום... אבער באופן כללי איז עס, מ'האט נישט עקסקלאדעד, מ'האט נישט גענומען, אה, די טעג איז נישט. די טעג איז אויך חשוב, ס'איז אויך אין מקרא קודש, אבער נישט באופן ציווי.

**דער רמב"ן'ס שיטה — חגיגת כל שבעה**

### Speaker 1:

און וועגן דעם זאגט דער רמב"ן, איך מיין אין די רמב"ן'ס ווערטער שטימט עס זייער גוט, ווייל ס'איז דאך הוי נקרא מקרא קודש. פארוואס ווערט עס גענומען מקרא קודש? לענין חגיגה, לאמיר זאגן. ער זאגט, **והרי הוא זמן חגיגה במקדש**, ווייל **חגיגת כל שבעה.**

## חול המועד: מדאורייתא אדער מדרבנן, און די כללים פון מלאכה

**הלכה א (המשך) — חול המועד: מדאורייתא אדער מדרבנן**

באט לכאורה זעט מען, ווייל דאס קענסטו יא זאגן אויב מ'וויל גיין מיט די פסוק פון סוכות, וועסטו זען אז ס'שטייט נישט "אך תקריבו אשם שבתון". שבתון שטייט קלאר נאר אויף די טעג וואס אסור במלאכה. אבער ביי "ביום הראשון וביום השביעי", דארטן איז ווען מ'זאגט עס באופן ציווי, "קדשהו" אזוויוי די חכמים זאגן. אבער ווען מ'געבט עס א טיטל אז דאס זענען הייליגע חשוב'ע טעג, דער טיטל איז נישט קיין... זעעסט דאך, דער רמב"ם אליין דארף דאך... אויב זאגט מען "נקרא מקרא קודש", פארוואס איז נישט דא קיין מצוה פון "קדשהו" מדאורייתא? ער האט אויך פארשטאנען אז ביי "ביום הראשון מקרא קודש", אז ווען ס'שטייט באופן ציווי, שטייט נאר "ביום הראשון וביום השביעי". אבער ביי דעם כללי איז עס, מ'האט נישט עקסקלאדעד, מ'האט נישט געגומען, אה, די טעג איז נישט. די טעג איז אויך חשוב, ס'איז אויך מקרא קודש, אבער נישט באופן ציווי.

און וועגן דעם זאגט דער רמב"ם, איך מיין אין די רמב"ם'ס ווערטער שטימט עס זייער גוט, ווייל ס'איז דאך **"הואיל ונקרא מקרא קודש"**. פארוואס ווערט עס גערופן מקרא קודש? לענין חגיגה, לאמיר זאגן. ער זאגט, **"והרי הוא זמן חגיגה במקדש"**, ווייל חגיגה איז כל שבעה. וואס איז דאס? ווייל לכאורה **"כדי שלא יהיו כשאר ימות החול שאין בהם קדושה כלל"**. די זעלבע אויסדרוק און מאכט נישט פאר א דאורייתא, אזוי ווי ער זאגט גלייך נאכדעם אז ס'איז א איסור מדרבנן. סאו באופן כללי קען מען עס זאגן... אקעי, סאו לאמיר צוריקגיין. **"אף על פי שלא נאמר בו שבתון"**, וואס דאס וואלט עס געמאכט פאר א דאורייתא, אבער היות אז ס'איז חשוב, אזוי לאמיר אונז דאס לערנען **"ונקרא מקרא קודש"**, ווייל חז"ל זאגן אז ווען ס'שטייט "אלה מועדי ה'" מיינט אז די אלע ימים טובים, **"והרי הוא זמן"**, און נישט נאר דאס, וואס איז זמן חגיגה במקדש, קען אפשר זיין אז די מקרא קודש איז לענין חגיגה. וואס איז שמחה? חגיגה האט מיט שמחה מער. אקעי.

איז ממילא, **"אסור בעשיית מלאכה"**, זאגט דער רמב"ם, פארוואס? פארוואס? אסור מדרבנן, פארוואס? **"כדי שלא יהיו כשאר ימות החול שאין בהם קדושה כלל"**. ס'פאסט דאך נישט. אויף טעג וואס ווערט גערופן מקרא קודש, טעג וואס מ'עסט חגיגה אין בית המקדש, זאל זיין וואכעדיגע טעג. הגם מדאורייתא איז עס וואכעדיגע טעג לענין מלאכה. אבער חכמים האבן זיי געגעבן אן אפגערעדעד די צייט פון חשיבות פון קדושה. ממילא, **"העושה בו מלאכה אסורה"**, ווי איינער טוט מלאכה זאל זיין עתיד צו טון אויף יום טוב. איז מכת מרדות? פארוואס איז מכת מרדות? פארוואס איז נישט מלקות מרדות? איז יסורים בדברי סופרים. זייער גוט. דאס איז די שיטת הרמב"ם, און אזוי אויך תוספות און אנדערע, אז מלאכה בחול המועד איז מדרבנן.

**די ראיה פון דבר האבד**

איך גיי עס זאגן בקיצור וואס דער מאור עינים ברענגט, אז דאס איז פארוואס? ווייל זיי האבן געהאלטן אז בטח אזויפיל קולות וואס די חכמים וועלן מאכן דבר האבד, ס'קען דאך נישט זיין אז מלאכה דאורייתא איז נישט אסור קיינמאל, מותר קיינמאל וועגן דבר האבד וכדומה. זעט מען אז ס'איז מדרבנן. דרבנן מאכט סענס, אזוי ווי זיי האבן געלערנט די כלל, חז"ל דרבנן מאכט קיינמאל נישט שווער פאר אידן, זיי מאכן נאר בעסער פאר אידן. די אורייתא קען זיך אויך, תורה איז אויך געקומען צו מאכן בעסער פאר אידן, אבער אין תורה איז נישט דא די סארט קולות.

**די גמרא "מסרו הכתוב לחכמים"**

איי, שטייט אין די גמרא לימודים? מ'זאגט אז סתת מחתא. ס'איז דא א מפורש'ע גמרא וואס שטייט מסרו הכתוב לחכמים, איז משמע אז ס'איז מדרבנן. דאס איז די שיטת הרמב"ם אין עוד ראשונים.

**שיטת הרמב"ן — חול המועד מדאורייתא**

דער הייליגער רמב"ן האט געהאט פארשידענע ראיות אז ניין, אז חול המועד איז מדאורייתא. וואס טוט ער? ער מאכט די דרבנן'ס פאר די אורייתא'ס.

אבער וואס טוט ער מיט דעם לשון מסרו הכתוב לחכמים? ס'איז צוויי זאכן. קודם כל, ער מאכט אן אוקימתא אז דא געוויסע מלאכות וואס זענען טאקע נאר אסור מדרבנן, אבער צווייטנס האלט דער רמב"ן, באופן כללי, אז ס'קען זיין אזא זאך, א זאך וואס איז מדאורייתא, אבער די תורה זאגט נישט וועלכע מלאכה איז אסור. דאס איז ווייטער ווי דער רמב"ם. דער רמב"ם האלט אז ווען ס'איז אורייתא קומט עס מיט די גאנצע תורה של בעל פה וואס איז מסביר די מצוה. דער רמב"ן האלט אז ס'איז דא אזא זאך ווי א מצוה וואס איז עיקרו מדאורייתא, אבער די דיטיילס זענען מדרבנן. רייט. און נאכדעם דארף מען פרעגן דעם רמב"ן וואס איז די הלכה פון יענע דיטיילס, צו ס'איז ספיקן לחומרא אדער נישט. קען זיין אפילו נאכן רמב"ן איז... וועט זיין די... רייט, אבער ס'קען נאך זיין די אורייתא, מבחינת דשא אז די תורה האט געמיינט אריגינעל אז די חכמים זאל מפרש זיין אפילו די גדרים דאורייתא, דאס איז דער רמב"ן'ס מהלך אין פארשידענע מצוות.

#### דער רמב"ן אויף "נקראו מקרא קודש"

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דער רמב"ן אליין זאגט דאך אונז אויך, היו נקראו מקרא קודש, ער זאגט אז ס'ווערט נישט דאורייתא, אבער ס'מיינט פאר דער רמב"ן איז אויך חשוב ווען עפעס ווערט דערמאנט אין א פסוק, ס'איז עפעס ווערט נישט דערמאנט אין די תורה. דאס איז די ענין, די תורה זעט זיך אז ס'איז א יום טוב. דאס הייסט, דאס אז די חכמים האבן געוואלט אז חול המועד זאל נישט פירן אזוי ווי א וואכנדיגער טאג, דאס איז א דרייסטער מושג. שטייט אין די תורה אזוי, אבער עס מאכט נאך נישט אז די מלאכות זאלן זיין מדאורייתא.

#### מכת מרדות – דער רמב"ם'ס שיטה אין דרבנן

ס'קען זיין, איך טראכט נאר אז ווייל דער רמב"ם נוצט אייביג דיווארט "מכת מרדות", האלט ער אז ס'איז אמת'דיג נישט דא קיין גרויסע חילוק בכלל, ווייל ביי ביידע איז דא אפילו א עונש איז דא. ביי די וואס מכת מרדות איז נאר עפעס אזא מין כופין, קען מען פארשטיין מער אז ביי זיי איז א דרבנן א שוואכע זאך וואס האט נישט קיין ענפארסמענט סיסטעם, ס'האט נישט קיין עונש.

#### הלכה א (המשך) – וועלכע מלאכות זענען אסור

שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער, דאס וואס מ'האט גע'אסר'ט יום טוב, דאס וואס מ'האט געזאגט **"עושה בו מלאכה אסורה"**. וואס מיינט "עושה בו מלאכה אסורה"? זאגט דער רמב"ם, **"ולא כל מלאכת עבודה אסורה בו כיום טוב"**. יום טוב איז אסור יעדע זאך וואס איז מלאכת עבודה, לאפוקי מלאכת אוכל נפש. אלע מלאכות עבודה וואס איז נאר ארבעט, וואס איז נישט צו עסן, אסורה בו. אבער בחול המועד האט מען נישט גע'אסר'ט כל מלאכת עבודה. זאגט ער, **"שסוף הענין, דברים שנאסרו בו כדי שלא יהיה כיום חול לכל דבר"**. ס'זאל נישט אויסקוקן ווי א רעגולער יום חול לכל דבר. דער טאג זאל זיין ניכר, ס'זאל זיין א חשוב'ערער טאג. **"לפיכך, יש מלאכות אסורות בו ויש מלאכות מותרות"**. דאס הייסט, אז אפילו ס'וועט זיין געוויסע מלאכות מותר, וועט עס נישט ווערן אינגאנצן וואכעדיג, ווייל ס'וועט דאך זיין אנדערע מלאכות ווערן אסור.

#### דער גדר פון חול המועד – נישט מנוחה, נאר "נישט וואכעדיג"

און ס'איז אינטערעסאנט, ווייל בעצם גייט עס נישט ווערן וואכעדיג וועגן שמחה וואס מ'האט שוין געזאגט. מ'האט שוין געזאגט פריער אז שמחה איז זיכער דא. אבער אויך וועגן די מלאכות זאל מען זען א חילוק.

אבער ס'זעט אויס אז דער רמב"ן פארשטייט אז די גדר, אזוי ווי די למדנות פון די טעמא דקרא, די טעם פון די רבנן פון חול המועד, איז נישט ווייל מ'זאל רוען. ס'איז דא שבת ווייל מ'זאל רוען, יום טוב ווייל מ'זאל רוען און מ'זאל זיין בשמחה. דאס האבן מיר געלערנט פון דעם וואס דער רמב"ן האט מסביר געווען די למדנות פון יום טוב, ווייל מ'זאל זיין בשמחה, פון דעם איז געוויסע זאכן מותר דוקא, געוויסע זאכן אסור. חול המועד איז א דריטע זאך: ס'זאל נישט זיין פול וואכעדיג. ס'דארף זיין אביסל אנדערש. ממילא, מלאכה איז א וועג פון עס מאכן אביסל אנדערש. מ'קען זאגן אז די וואס גייען נישט ארײן אין חול המועד, קענען מער מקיל זיין אין געוויסע מלאכות, ווייל זיי פירן זיך שוין אנדערש.

#### דיסקוסיע: פארן אין קאר חול המועד

אסאך מלאכות וואס מ'טוט רופט מען חול המועד האלטן. קען זיין אז דאס העלפט אויך. מ'זעצט זיך אריין אין די קאר, מ'פארט פארטס פון זאכן, ס'איז א באנטש פון... ניין, אמת, אבער ס'קען אפילו זיין אז דאס פארן אין קאר חול המועד איז טאקע פארט פון שמחת יום טוב. אזוי ווי דער רמב"ם זאגט, מ'דארף עס טון חפציו אפילו אויף יום טוב, דאס איז זיכער, יא.

#### הלכה ב – דבר האבד: הפסד מרובה און טורח

יעצט גייט ער זאגן וועלכע מלאכות האט מען גע'אסר'ט. אין דעם איז דא אפאר כללים. דער ערשטער כלל וואס דער רמב"ם גייט זאגן, און שפעטער גייט ער זאגן נאך כללים, ער גייט זאגן ווען ס'איז יא מותר, אבער פשוט'ע כללים ווען ס'איז יא מותר. למשל שבת איז נישט קיין היתר אז ער גייט האבן א הפסד אדער אנדערע זאכן. יום טוב איז מען גרינגער מקיל. זאגט דער רמב"ם, **"ואלו הן"**. בעצם איז דא א ליסט פון היתרים. דאס הייסט, מ'נעמט אן אז מ'הייבט אן פון הלכות יום טוב, ברכת עבודה, און מ'נעמט אראפ פון דעם. אזוי גייט לכאורה דער רמב"ם'ס סטראקטשער, רייט?

זאגט דער רמב"ם, **"ואלו הן"**. איז אזוי, דער "ואלו הן" גייט ארויף נישט נאר אויף דעם, נאר מסתמא אויף די גאנצע פרק. לכאורה אויף "יש מלאכות מותרות" גייט עס ארויף. רייט, דארף מען זאגן אז מ'גייט ארויף אלעס, און די גאנצע פרק גייט זיין וואס מ'מעג אלץ. יא, יא, אבער דאס זענען די מלאכות המותרות בחול המועד.

#### דער כלל פון הפסד מרובה

זאגט דער רמב"ם אזוי, **"כל מלאכה שאם לא יעשה אותה במועד יהיה שם הפסד הרבה"** – א מלאכה וואס אויב מ'וועט עס נישט טון אויף חול המועד וועט זיין א גרויסע שאדן, **"אותה עושין"** – מעג מען עס יא טון. מ'מעג יא טון כדי מונע צו זיין שאדן. אבער, **"ובלבד שלא יהיה בה טורח הרבה"** – ס'זאל נאר נישט זיין א גרויסע טורח, ווייל א גרויסע טורח איז ווייטער א פראבלעם אז ס'איז מער כיום חול.

די גדר פון וואס טייטש "הפסד הרבה" איז אייביג א שאלה, ווייל ס'שטייט קיינמאל נישט קיין... איך רעד אין הלכה למעשה, איך רעד פון הפסד מרובה. הפסד מרובה האט צו טין ביי א קארגער מענטש איז א ארימער מענטש, נישט אמאל אן ארימער מענטש, נאר אפילו א קארגער מענטש איז אנדערש. דאס הייסט, דער רמב"ם איז זייער שטארק תלוי בדעתו של כל אדם.

#### דוגמא: בית השלחין און בית המשקה

אבער זאגט דער רמב"ם, **"כיצד? משקין בית השלחין במועד"** – אנדערע פלעצער רופט מען עס בית השלחין – **"במועד"**. בית השלחין איז א פעלד וואס מ'פלאנצט וועדזשטעבלס, זרעים. נישט וועדזשטעבלס, זרעים מיינט... געבעטליך מיינט שוין וועדזשטעבלס. ניין, זרעים מיינט ווייץ, ניין, כדומה. וואס דאס, בית השלחין איז א לשון פון זייער א דורשטיגע פעלד, א פעלד וואס דארף זייער אסאך טרחים, מ'דארף אייביג עס וואסערן. מעג מען עס משקה זיין ביום טוב. פארוואס? אנטשולדיגט, פארקערט, בית המשקה מיינט א פעלד וואס באקומט אויף רעגן וואסער, אבער אויך דארף מען צוגיסן. **"אבל לא בית המשקה"**. בית המשקה מיינט א פעלד וואס איז אינגאנצן פארשטאלן וואסער. דאס וואס דארף אביסל וואסער. יא, א בית המשקה איז אינגאנצן תלוי אין דעם מענטש'ס וואסער.

איך וואלט אפשר געזאגט, למשל, אז א פעלד וואס איז אין א בילדינג, אזוויי אין א גרינהויז, ס'קען נישט רעגן וואסער, אלעס איז דעם מענטש'ס וואסער, און דארטן דארף מען אסאך מער וואסער. איז, אין בית השלחין מעג מען... און בית המשקה איז פארקערט, נאכאמאל. זייער קלאר. אויב ס'דארף... ער רעדט דא פון די עצה הרצון. קודם כל, פארגעסטו פון די גרינהויזעס מיט זאכן. אמאל אין די צייטן איז אויך געווען, איך מיין אויך היינט, ס'איז דא פעלדער וואס דארט רעגנט אסאך, אדער ס'וועגדט זיך אין

וועלכע סעזאן מ'פלאנצט, און צוויי זאכן. נאכדעם גייט עס צוזאמען, און דארט אין די פעלדער וואו ס'רעגנט אסאך, אמאל גיסט מען צו אביסל וואסער, אבער באופן יסודי דארף... ס'גייט נישט פארטריקנט ווערן אויב מ'געט נישט קיין וואסער פאר איין וואך.

א בית השלחין, וואס דאס איז א פעלד וואס ער לעבט אויף דעם אנשקיסט וואסערן. אויב מ'וועט נישט וואסערן, וועט אילנות שטארבן נישט. ווייל דער רמב"ם, שאם לא ישקה בית השלחין, וועט זיין א גרויסע הפסד. וואס איז דער בית השלחין? זאגט ער, **"והיא הארץ הצמאה"**, א דורשטיגע שטיקל לאנד, א לאנד וואס דארף אייביג מ'זאל אים וואסערן. איז אויב מ'וועט עס נישט באוואסערן, **"ייפסדו כל האילנות שבו"**, וועט ער שאדן האבן דיביימער דארטן, ווייל ס'איז א הפסד מרובה. שוין, דאס איז דער דין הפסד.

**דער דין טורח**

יעצט זאגט ער דער דין... מ'מאכט איין קיין א בית המשקה. ס'העלפט אביסל לכאורה, אז נישט וואלט ער נישט געווען בכלל, אבער ס'שטערפט נישט. ס'ווערט נישט רואיגער, די פעלד וועט סורוויוון. דער רמב"ם האט געזאגט אז ס'טאר נישט זיין קיין הפסד, אבער אפילו ווען ס'איז א הפסד און ווען מ'איז מתיר, טאר מען אבער נישט טון קיין גרויסע טירחא.

זאגט דער רמב"ם, **"וכשהוא משקה אותה לא ידלה וישקה מן הברכה או ממי גשמים, שהיא טורח גדול"**. אויב ער גייט מדלה זיין מיינט מעניפולירן די סטרים פון די וואסער, ער גייט ארומלייגן שטיין, און איך ווייס אז די וואסער סטרים זאל אנקומען צו די פלאץ וואו ער וויל ס'זאל אנקומען. אדער משקה זיין מיינט אנגיסן, אנגיסן גרויסע טעפ. דיביידע זאכן איז א גרויסע טעכנא, **"שהיא טורח גדול"**. אז מען משקה מן המין. **"אבל משקה הוא מן המעין"**, אבער אויב ס'איז דא א מין, ס'איז דא א וואסער וואס לויפט שוין, און פון דארטן איז גרינגער משקה צו זיין, אנגיסן אדער... בין... איז **"בין שהיה בין שיצאה כתחלה"**. סיי ס'איז שוין געווען דארט א מין, אדער סיי מ'דארף יעצט מאכן א מין.

**חול המועד — הלכות מלאכה: הפסד, טרחה, שינוי, ומעשה הדיוט**

**הלכה א (המשך) — השקאה במועד: חילוק בין טרחה גדולה לטרחה קטנה**

ער גייט ארומלייגן שטיינער, איך ווייס וואס, אז די וואסער סטרים זאל אנקומען צו דעם פלאץ וואו ער וויל ס'זאל אנקומען. אדער משקה זיין מיינט אנגיסן, אנגיסן גרויסע טעפ. דיביידע זאכן איז א גרויסע טרחה, יש בה טורח גדול.

אבל **משקין מן המעין**. אבער אויב ס'איז דא א מעין, ס'איז דא א וואסער וואס לויפט שוין, און פון דארטן איז גרינגער משקה צו זיין, אנגיסן אדער... **בין שהיה בין שיצא כתחלה**, סיי ס'איז שוין געווען א מעין אדער סיי מ'דארף יעצט מאכן א מעין, וואטעווער וועג וויאזוי מ'קריעט א מעין, דאס מעג מען יא, **ממשיכין ומשקין**, מ'קען ממשיך זיין אז די מעין זאל קומען אהין, לייגן זאכן, וואטעווער, מאכן אז די מעין זאל אנקומען אהין איבערוואסערן די פעלד. **וכן כל כיוצא בזה**, אז ווען ס'איז דא א גרויסע הפסד, מעג מען עס טון באופן ווען ס'איז נישט דא אזא גרויסע טרחה.

רייט, ס'מיינט נישט אז מ'גראבט א מעין, ס'מיינט אז ס'איז געקומען א מעין, אבער מ'דארף ברענגען אזא קאנאל, עפעס צולייגן צו דעם אינפראסטרוקטור און קענען נוצן די מעין. אקעי. זייער גוט.

**דיון: וואס טוט זיך ווען ס'איז נאר מעגליך דורך טרחה?**

**חברותא א:** דער רמב"ם זאגט אונז נישט וואס טוט זיך ווען מ'קען נאר דורך טרחה. ווייל דא איז דא צוויי אפשענס. אויב איז דא א גרויסע הפסד און ס'איז נאר דא א וועג דורך טרחה, דארף מען וויסן. דא איז דא צוויי אפשענס. וואס טוט זיך ווען ס'איז נישט דא צוויי אפשענס?

**חברותא ב:** איך מיין אז אין די נעקסטע סעיפים זעט מען יא אז ס'איז מעג.

**חברותא א:** דו רעדסט אויף אן אופן וואס יא דא, אזוי ווי דו זאגסט, ס'איז דא אן עצה צו טון מיט ווייניגער טרחה.

**חברותא ב:** ניין.

**הלכה ב — הפסד מלאכות: זיתים, פשתן, כרם, פירות**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, ווייטער, נאך מלאכות וואס מען מעג טון וועגן א הפסד, אבער אזוי ווי מ'האט פריער געלערנט, זאל מען עס נישט טון מיט א טורח גדול, דא גייט מען לערנען אז מען זאל עס טון מיט א שינוי. **הופך אדם את זיתיו במועד**. און דאס איז אזוי ווייל נאכ'ן אראפשניידן זיתים לייגט מען עס אין א פאס אדער וואס, און מ'דארף עס מישן אדער וואס כדי ס'זאל נישט ווערן קאליע. **ותוכן אותם**, מען מעג זיי צומאלן, **ודורך אותם**, טרעטן אויף זיי צו מאכן שמן. און אויך **ממלא חביות וגף אותה**, אז מ'מעג אנפילן די חביות מיט שמן און פארשטאפן די חביות, אזוי ווי מיר האבן געלערנט מגופה של חבית, יא, לייגן די קאווער. די אלע זאכן מעג מען טון **כדרך שעושה בחול**.

**כלל: דבר האבד — אינו צריך שינוי**

זאגט דער רמב"ם פארוואס? **שכל שיש בו הפסד אם לא נעשה**, יעדע זאך וואס אויב מ'וואלט עס נישט געטון וועט עס זיין א שאדן, די אלע זיתים וועלן ווערן קאליע, איז **עושה כדרכו ואינו צריך שינוי**. זאכן וואס א גרויסע הפסד מעג מען טון אפילו אן א שינוי. מ'האט פריער געזאגט, אפשר נישט מיט א גרויסע טרחה, אבער מ'דארף נישט קיין שינוי. שפעטער וועלן מיר זען יא זאכן וואס מ'דארף א שינוי. אבער דאס, ווייל ס'איז א גרויסע הפסד, און ס'זעט אויס אז א גרויסע טרחא איז עס נישט, אפשר ווייל פריער האט ער אונז יא געמאכט א חילוק צווישן טרחא, איז מעג מען טון כדרכו.

**מכניס פירותיו מפני הגנבים — בצנעה**

**וכן, מכניס אדם פירותיו**. יום טוב איז דאך בערך די צייט, סוכות איז חג האסיף, ס'איז דאך א צייט ווען מ'דארף ארייננעמען די פירות. אויב ס'וועט בלייבן אין פעלד וועט עס ווערן קאליע. אדער דאס זאגט ער, **מפני הגנבים**, וועגן מתגנבין. דאס איז דאך לכאורה די זעלבע זאך אויף פאר אנדערע הפסדים. אבער **ובלבד שלא יכניסם בצנעה**. די זאכן, היות אז ס'איז אויף די פעלד, מענטשן וועלן זען, זאל ער עס טון בצנעה, ס'זאל נישט זיין קיין בזיון פאר די יום טוב.

**שולה פשתנו מן המשרה**

**וכן שולה פשתנו מן המשרה**. אויב מ'האט איינגעווייקט פשתן אין די משרה, די פלאץ וואו מ'ווייקט זיי איין, אלס חלק פון די... וואס האבן מיר געלערנט מלבן, מ'רייניגט די פשתן אז ס'זאל ווערן ווייס, דארף מען עס ארייגלייגן אין א משרה, אין א פלאץ וואו ס'ווייקט. מעג מען טון, **ובלבד שלא יטול**, ווייל אויב ס'וועט זיין צו לאנג אין די וואסער וועט עס ווערן קאליע.

**כרם שהגיע זמנו לבצור**

**וכן כרם שהגיע זמנו לבצור במועד**. אה, דא רעדט ער פון דעם וואס איך האב געזאגט. א כרם וואס איז געקומען אין די צייט וואס מ'דארף עס אפשניידן. אויב מען וועט עס נישט אפשניידן, וועט די טרויבן ווערן קאליע. **בוצרין אותו**, מעג מען זיי אפשניידן.

**דיון: פארוואס בצנעה נאר ביי פירות מפני הגנבים?**

אינטערעסאנט, ער זאגט נישט קלאר ווען מען דארף טון בצנעה. אויף איין זאך האט ער געזאגט מען דארף טון בצנעה, אבער אויף אנדערע האט ער נישט געזאגט מען דארף טון בצנעה. און לכאורה די תירוץ איז ווען מ'קען.

אקעי, אויך האט פריער האט ער געזאגט וועגן אן הפסד אן טרחא. דא זאגט ער נישט. אפשר איז נישט דא קיין צוויי אפשענס, אדער אפשר איז עס נישט קיין טרחא, פעריעד. ס'איז דא צוויי וועגן צו לערנען.

דאס הייסט, ס'איז דא וואס מ'קען זאגן אז, אזוי ווי מיר האבן געזען אין כמה זאכן אין הלכות שבת בדרבנן, אז מ'דארף קענען טרעפן א היתר. אבער מצד שני, דאך וויל מען נישט אז יום טוב זאל זיין אזוי ווי די וואכנס. סאו, קודם כל, אויב ס'פעלט נישט אויס בכלל, זאל מען עס אפשר נישט טון. מ'וועט באלד זען וועלכע זאכן טאר מען יא נישט טון ווען ס'פעלט בכלל נישט אויס. ס'איז נישט קיין דבר האבד. אבער א זאך וואס ס'פעלט אויס, מוז זיך

פארהיין א היתר. אבער אויב מ'קען, מאכט מען א שינוי, אדער מ'מאכט א בצנעה, וואס איז א סארט שינוי.

אבער איך וויל זאגן אז דאס איז נישט גאנץ ריכטיג, ווייל מ'זעט אין די גמרא אזוי ברענגט ער דא. איז דא מחלוקת תנאים צו א זאך וואס איז א דבר האבוד דארף מען מאכן מיט א שינוי. דער רמב"ם זאגט קלאר אז מ'דארף נישט. "אין צריך שינוי".

**חברותא ב:** איז געשטאנען פריער?

**חברותא א:** יא, "אין צריך שינוי" פריער.

**חברותא ב:** וואו?

**חברותא א:** סארי, איך גיי צוריק ארויף, איך האב יעצט פארגעסן. יא, א דבר של הפסד פסק'נט דער רמב"ם א כלל אז מ'דארף נישט. אפילו ווען מ'קען יא מאכן א שינוי, דארף מען נישט קיין שינוי. די סארט שינוי וואס מ'דארף יא איז נישט, פרובירן צו האבן וויניגער טרחה, אדער געוויסע זאכן שרייבט ער מ'זאל טון בצנעה. אבער דאס איז נישט די זעלבע זאך ווי שינוי.

**תירוץ: פארוואס בצנעה נאר ביי גנבים**

אבער די זיתים און די פשתן און די כרם, מעג מען טון אפילו נישט בצנעה, ווייל יעדער ווייסט אז די כרם יעצט איז די צייט צו שניידן און ס'איז א הפסד. אבער מכניס פירותיו מפני הגנבים איז דאך א יוניק זאך. די פירות זענען זייער באקוועם אויפ'ן פעלד, נאר ס'העפענד צו זיין אז דא איז דא גנבים, אדער ער האט מורא פון א געוויסע גנב. אויף דעם זאגט מען בצנעה, ווייל די מענטשן וועלן נישט וויסן אז ער טוט עס וועגן הפסד.

זייער גוט, קען זיין. ער ברענגט, דער מגיד משנה ברענגט פון די רמב"ן אז ער האט טאקע זיך געמוטשעט מיט די שאלה, פארוואס פונקט אויף דעם האט מען געמאכט א הגבלה פון בצנעה. ער זאגט אביסל אן אנדערע חילוק, אז ס'איז נישט ממש א הפסד, ס'איז א חשש גנבים, ס'איז פשוט א חשש. ווען מ'רעדט פריער רעדט מען זיכער, ס'איז לאזן, ס'איז ווערן רויע. דא, א גנב מיינט ער וועט אפשר גאר נישט קומען, ס'איז נישט קיין דבר ודאי א גנב. אבער קען זיין וואס דו זאגסט איז אויך ריכטיג.

יא, ווייל אנדערע זאכן האט פשוט צו טון מיט די סיזען, דאס איז די נעיטשער פון זיתים. דא איז דאך די פירות זענען גוט דארט, נאר ער האט מורא פון א גנב. ממילא האט מען מורא פון די חילול השם דערפון, פון די בזיון היום טוב דערפון.

**חידוש: וואס אויב מ'קען נישט בצנעה?**

אקעי, דערווייל האבן מיר געהאט אז הפסד מעג מען, און ס'איז דא ווען מ'דארף עס טון בצנעה, אדער ס'איז דא ווען מ'דארף עס טון מיט וויניג טרחה. פארוואס האב איך געזאגט די ערשטע זאך? ווייל איך זע ער ברענגט דא פון אונטן למשל, וואס איז אויב מ'קען עס נישט טון בצנעה? ס'איז א פובליק פלאץ, ס'איז נישט שייך. וואס זאל מען טון? זאל מען לאזן די גנבים קומען? ער ברענגט אז דער רמ"א האט געזאגט אז אויב מ'קען נישט, מעג מען יא. סאו זעט מען אז ס'גייט יא מיט די סברא אז מ'טוט וואס מ'קען, אזוי ווי איך זאג, ווייל די רבנן האבן דאך קיינמאל נישט געֿאסר'ט קאטעגאריש.

**הלכה ד — מכוון מלאכתו למועד: איסור און קנס**

אבער א מענטש האט יעצט געהערט אז מ'מעג טון מלאכות, וועט א מענטש אויסקלייגן דזשאבס צו טון פאר חול המועד. זאגט ער, אבער דער רמב"ם, ניין, מ'טאר נישט. אונז האבן געהאט זייער ענליך אויף יום טוב, ווייל מ'טאר נישט אויסקלייגן זאכן אויף צו טון דעמאלטס. **ואסור לאדם שיתכוין**, ער זאל מאניפולירן אזוי ווי **מאחר מלאכות אלו וכיוצא בהן ויניחם כדי לעשותם במועד מפני שהוא פנוי.** חול המועד האט ער דאך ליידיג צייט, וועט ער דעמאלטס טון די מלאכות, און ער ווייסט דאך אז ס'איז דא א היתר. אבער ס'איז נישט קיין וועג, מ'טאר נישט, מ'מעג נאר, מ'וועט נישט קיין וועג. וואס? אפילו א דבר האבד קען מען נישט אויסקלייגן פאר דעמאלטס.

**קנס: בית דין מאבדין אותה**

זאגט דער רמב"ם, **כל שכיוון מלאכתו והניחה למועד ועשה במועד**, אויב ער האט עובר געווען אויף די הלכה און ער האט עס יא אוועקגעלייגט פאר חול המועד ועשה במועד, דעמאלטס קונסין מנהו, **בית דין מאבדין אותה**, בית דין מאבד די תבואה, די פעלד, וואטעווער וואס ער האט געשפארט, **ומפקירין אותה לכל.**

**סייג: דער קנס גייט נישט אויף ירשים**

זאגט יעצט דער רמב"ם אבער א סייג אין די הלכה אז דער בית דין גיבט די קנס, זייער ענליך צו אזוויוי אויב מ'האט געמאכט אן ערמה, דעמאלטס איז עס נאך הארבער. יא, זאגט אבער דער רמב"ם, דאס אז בית דין נעמט צו, מ'איז מאבד די געלט וואס ער האט אוועקגעלייגט פאר חול המועד צו טון, דאס איז דווקא דער מענטש אליין. אבער **ואם כיוון מלאכתו ומת**, און דער מענטש האט מכוון געווען מלאכתו און דער מענטש איז געשטארבן, און יעצט איז דער זון סטאק מיט א פעלד וואס מ'האט נישט אפגעשניטן ווייל דער טאטע האט עס אוועקגעלייגט, איז זאגט מען נישט אז דער זון טאר נישט אפשניידן ווייל דער טאטע האט געטון... מ'זאגט נישט "אבות אכלו בוסר ושיני בנים תקהינה".

קודם רעדט ער, יא, אויב דער מענטש האט עס געטון, דעמאלטס נעמט מען נישט צו די געלט פון די טאטע, אויב ער איז געווען לעבעדיג האט מען געטון, נעמט מען עס צו, מ'איז מפקיר וכדומה. אבער ער איז געשטארבן, איז דאך שוין די געלט אריינגעפאלן אין ירושה צו די זון. די זון דארף נישט ליידן פאר דעם. **אין קונסין בנו אחריו ואין מאבדין את ממונו.** חוץ פון דעם, אפילו נאך פאר דעם, אויב דער טאטע האט איבערגעלאזט א פעלד און מכוון געווען מלאכתו, אבער למעשה יעצט איז ער סטאק מיט א פעלד וואס איז א הפסד, **אין מונעין את הבן מלעשות אותה מלאכה במועד שלא תאבד**, ווייל דער ענין איז ממש א קנס. ס'איז נישט פשט אז דער פעלד איז געווארן מיט א חפצא דאיסורא אדער איך ווייס נישט וואס, ס'איז א קנס פאר דעם מענטש ווייל ער האט געטון די עבירה, אבער אויף די זון לייגן מיר נישט ארויף די קנס.

**הלכה ה — צורך המועד: מעשה אומן און מעשה הדיוט**

און ווייטער, יעצט גייען זיי לערנען נאך דאס וואס ווערט אנגערופן מעשה אומן און מעשה הדיוט. אז אפילו מ'האט מתיר געווען צו טון מלאכות, אבער מיר ווילן אונז נישט אז מ'זאל עס טון ווי פראפעשענעל, ס'זאל אויסקוקן ווי די קאמפעניס גייען געהעריג אן.

**מי שצריך לטבול לו בגד**

זאגט דער רמב"ם, **מי שצריך לטבול לו בגד**, איינער וואס דארף א בגד, **עולה וטובל לו בתוך המועד.** ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ער האט נאך נישט געגעבן די כלל פון דעם. איך מיין שפעטער וועט שטיין אז לכבוד יום טוב מעג מען, אז מען מעג נייען א בגד. ס'איז דאך נישט קיין הפסד, דאס איז עפעס אן אנדערע סיבה פארוואס מען מעג. אפשר וועט שפעטער שטיין אז... באופן אז מען מעג, ער דארף נאך האבן א בגד פאר יום טוב. **עולה וטובל לו בתוך המועד.**

**חברותא ב:** דא לערנסטו. ס'שטייט דא.

**חברותא א:** אקעי. ס'שטייט דא.

**חברותא ב:** פארוואס זוכסטו אז ס'זאל שטיין עקסטער?

**חברותא א:** ניין, אבער ער גיבט נישט די ווערטער.

**חברותא ב:** דא שטייט עס. דא שטייט עס. **מי שצריך**, ער האט צריך, די ווארט צריך. ווער ס'דארף האבן. ער דארף האבן א בגד, אדער ער דארף האבן א מקום במועד, ער דארף עפעס בויען במועד.

**הדיוט vs. מהיר: כיצד עושה**

איז אזוי, **אם היה הדיוט ואינו מהיר בעושה מלאכה**, אויב טוט ער עס ווי א הדיוט, ווי א פשוט'ער מענטש, ער איז א הדיוט, אזוי טייטשט ער. ער איז א הדיוט, און ער איז נישט... וואס טייטשט א הדיוט? **ואינו מהיר בעושה**

**מלאכה**, ער טוט נישט די מלאכה געשווינד, ער טוט נישט די מלאכה שנעל און...

**חברותא ב:** מהיר מיינט נישט שנעל, ס'מיינט...

**חברותא א:** מהיר במלאכתו?

**חברותא ב:** יא, אבער מהיר מיינט נישט שנעל דארט, ס'מיינט עפעס אזוי ווי... ער טוט נישט קיין פראפעשענעל.

**חברותא א:** יא. איז **הרי זה עושה כדרכו**, מעג ער עס טון באופן וויאזוי ער טוט עס. אבער **ואם הוא מהיר**, אויב ער איז אבער א פראפעשענעל, דעמאלטס לאזט מען אים עס נישט טון ווי א פראפעשענעל, נאר **הרי זה עושה מעשה הדיוט**, ער זאל עס נישט טון אזוי ווי ער טוט עס אייביג, נאר ער זאל עס טון אויף א שוואכערע פארנעם.

**ביאורים: תפירה ובנין**

איז דער רמ"א מסביר, **כיצד? בתפירה**, ביים נייען, געווענליך, איינער וואס ווייסט גוט וויאזוי צו נייען, נייעט אין א גראדע ליין, אז די פאדעם לויפט, למשל מ'דארף מאכן א סטיטש, איך ווייס, די פאדעם לויפט. אבער דא איז **ומחלף**, איך ווייס נישט פונקטליך די לשון מחלף מיינט, אבער ס'מיינט ער מאכט תפירות דא, תפירות דארט, ס'זאל נישט זיין קיין סטרעיט, ס'זאל נישט אויסקוקן אזוי שיין אויף די בגד. און די זעלבע זאך **בבנין**, די פראפעשענעל וועג איז אז מ'לייגט שטיינער און אויף דעם לייגט מען טיט, און ער דארף עס טון אן דעם, **מניח אבן על אבן ואינו טח**.

**הלכות חול המועד: שינוי במלאכה, תבואה מחוברת, כבושים ודגים, שכר, ומלאכת אומנים בצנעא**

**הלכה: שינוי בעשיית מלאכה בחול המועד (המשך)**

## Speaker 1:

די זעלבע זאך. **ושב סדקי הקרקע, ומגילן ביד וברגל כעין שמגילין במחליצה.** ווען מ'דארף גראד מאכן די פלאר, איז די פראפעשענעל וועג איז עס צו טון מיט א כלי, ער זאל עס טון, ארייגלייגן דארטן, וואטעווער, די סעמענט וואס מ'דארף אין די שפאלטנס פון די קרקע, און ער זאל עס מגיל זיין, ער זאל עס אויסגראדן אדער מאכן שיין ריכטיג, ער זאל עס טון ביד וברגל, אזוי ווי מ'טוט מיט די מחלצים, די כלים, ער זאל נישט טון מיט די כלים. **וכן כל כיוצא בזה**, מ'זאל עס נישט טון ווי פראפעשענעל.

דער רמב"ם זאגט נישט די סיבה, אבער לכאורה די סיבה איז, ס'זאל נישט אויסקוקן ווי א מענטש טוט יעצט זיין פראפעשענעל ארבעט, דאס וואלט געווען א בזיון, ס'וואלט אויסקוקן ווי א יום חול.

יעצט קענען מיר לערנען נאך א הלכה וואס איז מותר וועגן אזוי צורך יום טוב. ס'איז אביסל אינטערעסאנט, ס'איז פשט אז דער מענטש גייט לכאורה מער ארבעטן שווערער אדער ארבעטן מער, אבער אזוי ווי מיר האבן שוין געהאט אין הלכות יום טוב אויכעט, אז ס'גייט אונז אן מער דאס אז ער טוט עס אזוי ווי אין די וואכן ווי דאס אז ער גייט ארבעטן אביסל מער.

---

**הלכה: תבואה מחוברת לקרקע — קצירה לצורך המועד**

## Speaker 1:

שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער, א המשך צו דעם אז עפעס וואס מ'דארף האבן אויף יום טוב. ער זאגט אזוי: **מי שהיתה לו תבואה מחוברת לקרקע**, ער האט תבואה וואס מ'האט נאכנישט אפגעשניטן. אונז האבן זיך שוין געלערנט אין אנפאנג הלכות יום טוב אז מ'טאר נישט זיין קוצר ביום טוב, אפשניידן תבואה, ווייל מ'האט עס געקענט אפשניידן פאר יום טוב.

אבער יעצט איז ער חול המועד, **ואין לו מה יאכל במועד אלא ממנה**, ער האט נאר די תבואה וואס איז מחובר לקרקע. **אף על פי שאין כאן הפסד**, קיין הפסד איז נישט דא, ווייל די תבואה איז מחובר לקרקע, ס'גייט נישט ווערן קאליע. אבער א מענטש וואלט געקענט טראכטן אז מ'זאל אים זאגן גיי קויף ברויט פון די שוק אנשטאט אפשניידן זיין אייגענע תבואה.

זאגט ער ניין, **אין מצריחין אותו לקנות מה יאכל מן השוק עד שיצטרך עמוד**, מ'איז אים נישט מחייב אזוי ווייט אז ער זאל אנשטאט נוצן זיין אייגענע תבואה און מאכן מיט דעם ברויט, זאל ער גיין דארפן קויפן. **אלא** מ'איז יא מתיר, מ'מעג זיין קוצר די אלע מלאכות וואס איז אנצוגרייטן ברויט, שניידן, נאכדעם צוזאמזאמלען די תבואה, דש זיין די תבואה, ס'איז טייטש בלאזן, איך געדענק נישט. איך האב עס די מינינג פון די אלע זאכן, זורר, בורר, טוחן, אלעס ביז מ'מאכט עס מעל, וויפיל ער דארף.

זעט אויס אז דאס איז אויך אן ענין פון הפסד, יא? ווייל אויב דארף ער יעצט גיין קויפן איז דאך עס אן ענין פון הפסד. ער זאגט אפילו נישט קיין הפסד, ער מיינט צו זאגן זיין פעלד גייט נישט ווערן קאליע, אבער ס'גייט אים קאסטן געלט. ס'איז אן אנדערע מין הפסד, אויך דעם מין הפסד איז ער מתיר. ס'גייט אים נישט קאסטן מער געלט, ווייל ער גייט האבן שפעטער די תבואה, ער גייט נישט פארלירן אזויפיל געלט. ס'איז נישט קיין שפעטער עסן, נאר סתם אז ער וויל עסן זיין אייגענע.

עקזעקטלי, מ'זאגט נישט פאר א מענטש ער טאר נישט נוצן זיין אייגענע זאך ווייל ס'איז דא א מלאכה עס צו טון. דאס הייסט אז ער מעג עס נוצן פאר יום טוב, ער גייט נישט פארלירן גארנישט דערפון. די איינציגסטע זאך וואס ער גייט פארלירן איז אפשר די געשמאק אז ס'איז זיינס, אבער די פוינט איז מער אזויווי דאס איז וואס ער דארף פאר יום טוב, דאס איז זיין, דאס האט ער צוגעגרייט, איך מיין אז דאס איז זיין תבואה. א נארמאלע סדר איז, א מענטש עסט זיין תבואה, מ'דארף נישט טרעפן אפשר אן עצה.

איך טייטש, באופן אז ער גייט דארפן קויפן ס'וועט אים קאסטן מער, איז דאך פשוט אז ס'איז א הפסד, אבער אפילו באופן אז ס'וועט נישט זיין א הפסד, איז מען מתיר ווייל ער דארף עס, מ'איז נישט מחייב א מענטש צו גיין ארויס שטארק פון זיין וועג. דאס איז פון וואו ער געווענליך עסט, מעג ער עס שניידן אפילו לכבוד יום טוב צו עסן.

אבער אפילו דעמאלטס, **ובלבד שלא ידש בפירות.** געווענליך דישה קען מען טון מיט קיום, אבער דאס איז געווען, זעט אויס, מער א פרסום'דיגע וועג, אדער די מער באקוועמליכע וועג. **שכל דבר שאין בו הפסד צריך לשנות.** אה, דאס זאגט אונז דער רמב"ם בכלל. דער רמב"ם אז מ'טאר נישט טון בפירות, וואס דאס איז די געווענליכע וועג וויאזוי מ'טוט עס. פארוואס? **שכל דבר שאין בו הפסד צריך לשנות.**

פריער האט אונז דער רמב"ם געזאגט אז דעמאלטס וואס מ'האט מתיר געווען ס'איז א הפסד, האט מען מתיר געווען, געהעריג מתיר געווען, אז מ'דארף נישט טון דוקא מיט א שינוי. אבער ווען דער היתר איז אן אנדערע היתר, ווייל מ'איז מתיר פון זיין פעלד אן א הפסד, דארף מען זיין שינוי. זאגט דער רמב"ם, **וכן כל כיוצא בזה**, אז א מענטש איז זיך מתיר וועגן צורך המועד, זאל ער אבער עס טון מיט א שינוי.

---

**הלכה: כבושים ודגים — צורך המועד**

## Speaker 1:

ווייטער זאגט דער רמב"ם אזוי, **כבושים שיכול לאכל מהם במועד**, געוויקטע מאכלים וואס מ'ווייקט איין אין זאלץ וואסער וכדומה, וואס ער קען עסן אין יום טוב, מעג מען איינווייקן אין יום טוב. אבער **דברים שאין ראויין אלא לאחר המועד**, די זאכן וואס אויב מ'גייט עס יעצט איינווייקן גייט מען עס נאר קענען עסן נאך יום טוב, איז נישט קיין צורך המועד, **איז אסור לכבשן.**

**וצד אדם דגים כל שיכול לצוד.** וואס טוט זיך וועגן פאנגען פיש? וואלט אויך א מענטש געקענט טראכטן אז מ'מעג נאר כאפן פיש וויפיל מ'דארף פאר יום טוב? זאגט ער, ניין. **וצד אדם דגים כל שיכול לצוד**, וויפיל מ'קען פאנגען מעג מען כאפן. **ומולחן במועד**, ער מעג איינזאלצן אלע פיש אין יום טוב. הגם אז ער גייט נישט לאנדן אינגאנצן געגוג גרייט פאר יום טוב.

אה, אפשר... אה, ס'טייטש, געווענליך ווען מ'זאלצט איין דארף עס נאך אפאר טעג, ס'טייטש אז ממילא איז עס בעיקר פאר נאך יום טוב. אבער

הואיל ושייך יא יום טוב זאל ער קענען עסן דערפון, **אם יסחט אותו בידו פעמים רבות עד שיתרכך,** זעט אויס אז פיש דויערט לאנג ביז ס'ווערט ווייעך און edible, איז באופן כללי וועט ער נישט עסן דערפון. אבער הואיל אז ער קען יא עסן דערפון, הייסט עס יא עפעס א דבר וואס איז שייך פאר יום טוב און מ'מעג עס טון.

יא, אינטערעסאנט. וואס איז די... ס'איז דא צוויי היתרים בעיסיקלי, רייט? צוויי לעוועלס פון היתר. קודם כל, ער מעג זאלצן, הגם אז די זאלצן... דאס הייסט, מ'קען עס קאכן און עסן גלייך, דאס איז נישט די שאלה סתם, אבער ער וויל עס איינזאלצן. די סדר פון די פיש איז צו זאלצן, און זאלצן נעמט אפאר טעג ביז ס'ווערט זיין פעולה, ס'נעמט נישט אין א מינוט. קודם כל, שטייט אז מען מעג דאס. פארוואס? ווייל ס'איז דא יא עפעס א פאטענט, ער קען עס שטופן מיט די פינגער. ס'איז דא עפעס אן עצה וויאזוי ער קען יא מאכן די פיש נוצליך פאר יום טוב.

און די צווייטע לעוועל היתר איז, דעמאלטס מעג ער וויפיל ער וויל, כל שיכול לצוד.

### Speaker 2:

איי, ער זאגט אז ער גייט נישט עסן יום טוב א גאנצע טאנק פיש? ניין. פארוואס?

### Speaker 1:

אפילו אויף יום טוב אליין איז... דאס אפשר האט מען נישט מיינט, אבער יום טוב אליין איז יעדע זאך וואס ער איז ראוי צו עסן איז נישט זייער... ער וואלט נישט אויף אים קאכן אויף מארגן.

### Speaker 2:

יא, אבער אין יום טוב זעט מען אויך אז ווייל ס'איז ראוי אויף יום טוב.

### Speaker 1:

יא, ס'שטייט אבער די מער... ס'איז דא איר פאר וואס איז מותר יום טוב. למשל, מיר לייגן א גרויסע טאפ וואס זיי האבן געלערנט, אבער... דא רעדט מען לכאורה אפילו באופן אז מ'וואלט נישט געטארט אין יום טוב, אויביסלי, ווייל ס'שטייט אין הלכות.

### Speaker 2:

אוודאי.

---

**הלכה: מתלין את השכר — מאכן ביר אויף חול המועד, און דער דין פון הערמה**

### Speaker 1:

אקעי, נאך זאכן וואס מ'מעג טון לצורך המועד. **מתלין את השכר במועד לצורך המועד,** מ'מעג אנגרייטן ביר, אריינלייגן די גרשון מיט די whatever ingredients, און מאכן ביר לצורך המועד, פאר די ביר וואס מ'גייט טרינקען אויף יום טוב. אבער **שלא לצורך המועד,** לאמיר זאגן ביר, אויב ס'דויערט א געוויסע צייט וואס וועט נישט זיין געגרייט אויף יום טוב, **איז עס אסור. אחד שייכי תמרים ואחד שייכי תמרים.**

זאגט דער רמב"ם, **אפילו אם יש לו ישן,** אפילו אויב א מענטש האט אלטע ביר שוין, **מותר לו לעשות הערמה ושותה מן החדש,** מ'איז יא מתיר אז ער זאל מאכן אזא ערמה און טרינקען פון די נייע, הגם ס'איז דאך דא א שטיקל ערמה, ווייל ס'איז דאך נישט לצורך המועד, דו האסט דאך אן אנדערע. ס'איז א שטיקל לצורך המועד. פארוואס? פארוואס איז עס מותר? **שאין הערמה זו ניכרת לרואה.** דער מענטש ווייסט דאך נישט פונקטליך וואס ער האט, און ער זעט אז ער מאכט און ער טרינקט עס יום טוב. דאס מעג מען, **וכן כל כיוצא בזה.**

ס'איז אינטערעסאנט, די ווארט דא "שאין הערמה זו ניכרת לרואה" האט עפעס צו טון מיט דעם וואס ער האט געזאגט אז ס'זאל נישט אויסקוקן כדי שלא יהיה כיום חול. אז חול המועד האט צו טון אסאך מיט די וויזשועל, אז ס'זאל נישט אויסקוקן וואכעדיג.

### Speaker 2:

קען זיין, אבער ווייסטו, ס'שטייט אז זיי האבן אויך געהאלטן אז ס'זאל זיין בצינעא. איין זאך, יא, די נעקסטע זאך קען עס אויסזען. כאילו יום טוב וואלט נישט געהאלטן אזא ערמה. דאס איז עקזעקטלי די ערמה וואס מ'טאר נישט טון אין יום טוב לכאורה. אבער דא איז די פשט איז, אין זיין סטארעדזש האט ער א גאנצע טאנק ביר. אבער ער גייט און ער מאכט ביר. פרעגט מען, וואס מאכסטו? וואס הייסטו? לכבוד יום טוב. אה, איך האב... קיינער דארף נישט וויסן וואס דו האסט. ס'איז עפעס אזא סארט... ס'איז דאך מ'רעדט דאך דא מסתמא אויך באופן אז ס'איז נישט בעסער די נייע, ווייל אויב ס'איז בעסער וואלט מען אפילו אויף יום טוב געלאזט, אזוי ווי מ'האט געלאזט אלע מלאכות ווייל ס'איז פרישער, ס'איז בעסער. מ'רעדט דא באופן אז ס'איז נישט בעסער. ער טוט עס לכאורה בדוקא כדי ער זאל קענען, ווייל ער האט צייט יעצט. ער האט צייט.

### Speaker 1:

ס'איז א שאלה פון אזוי ווי מ'איז מחווה מלאכתא אז זיי האבן געזען אז דאס איז נישט גוט. פארוואס דען טוט ער עס? אפשר, דארף טראכטן, אויב איז עס ווייל די תמרים וועט ווערן קאליע, מעג מען דאך ווייטער. רייט, ס'זעט אויס אז סתם, ער וויל... יא, איך ווייס נישט. אפשר אין אזא זאך הייסט נישט קיין זאך אזא גרויסע טרחא וואס איז מכוון מלאכתא? איך ווייס נישט, אפשר באופן וואס דעם איז עס וועט מען נישט מכוון מלאכתא. איך ווייס נישט, אפשר איז מכוון מלאכתא אויך ווייל ס'זעט אויס ווי מ'מאכט וואכעדיג. Not clear to me.

אקעי. און אויף דעם קריגט זיך דער ראב"ד. דער ראב"ד קריגט זיך אויף דעם היתר פון מערים זיין.

### Speaker 2:

רעדט מען דער ראב"ד? ווי זעסטו? אהא.

### Speaker 1:

דער ראב"ד זאגט אז דוקא אויב די נייעס זענען בעסער.

### Speaker 2:

זייער גוט. אינטערעסאנט, ווייל דאס וואלט מען דאך געמעגט אפילו יום טוב.

### Speaker 1:

דער ראב"ד זאגט אז ס'איז א מחלוקת תנאים, און ער פסק'נט ווי דער תנא.

### Speaker 2:

נישט, איך זאג, דער ראב"ד איז אינטערעסאנט, ווייל אויב איז עס בעסער מעג מען יום טוב אויכעט.

### Speaker 1:

ניין, אפשר הייסט עס אפשר לעשותו מבערב.

### Speaker 2:

אויב ס'איז בעסער? נו, יעדע זאך וואס איז בעסער מעג מען טון. בעסער קען זיין פון היינט, קען זיין פון נעכטן. דו פארשטייסט וואס איך זאג? ס'איז בעסער די פרישע פון נישט זעקס חדשים צוריק, אבער ס'איז בעסער פון היינט? איך ווייס נישט, ס'שטייט עניוועיס אפאר טעג.

### Speaker 1:

אה, ס'קען אפשר נישט לאזן. אקעי.

---

**הלכה: מלאכת אומנים בצנעא לצורך המועד**

### Speaker 1:

שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער נאך זאכן וואס איז מלאכות לצורך המועד, וואס אונז גייען מיר לערנען. **כל מלאכות שאינן לצורך המועד, כשעושין אותן אומניהם**, ווען דער אומן טוט עס, **זאל ער עס טון בצנעא.** פריער האט אונז געזאגט, דער אומן זאל עס טון נישט באופן אומן. דא רעדט מען אריין נאך א זאך, נישט ווען דער מענטש מאכט עס און איז אן אומן, נאר זאכן וואס מ'דארף האבן א פראפעשענעל פאר עס. דער מענטש דארף האבן עפעס פאר א יום טוב, ווען ער גייט צו די פאנגער, צו די בעקער, ער גייט צו דער מענטש, וואס טוט עס? זאל עס דער מענטש וואס טוט עס טון בצנעא, ס'זאל נישט אויסקוקן.

**כיצד? הציידים**, מענטשן וואס פאנגען, **אדער טוחנים**, אדער מענטשן וואס שניידן טרויבן פאר ווייץ, **למכור בשוק. הרי אלו עושין בצנעא לצורך המועד**, זיי מעגן עס טון בצנעא לצורך המועד. דאס איז נישט פאר זייער צורך המועד, פאר די צורך המועד פון זייערע קליענטס. **ועושין שלא לצורך המועד, אסור. ואם עשה לצורך המועד והותיר**, וואס טוט זיך אז א מענטש האט געפאנגען פאר קאסטומערס, און ער האט אבער געפאנגען צופיל, און ס'איז גאר איבערגעבליבן? בדרך כלל וואלט מען פריער האבן עס געלערנט אז מ'וואלט אנגעהויבן א קאנצערט, אבער ווייל ער האט עס געטון לצורך המועד, ס'איז געווען שוואר אויסצורעכענען פונקטליך וויפיל ער דארף. ער האט עס געטון לצורך המועד **איז מותר.**

**הלכות יום טוב: צרכי רבים, דיני בית דין במועד, ואיסור כתיבה**

**הלכה י: צרכי רבים במועד**

**Speaker 1:** ס'איז נאך א היתר, אין אנדערע ווערטער. דאס הייסט, ביז יעצט האבן מיר געלערנט דריי היתרים, לאמיר זאגן. דאס הייסט, מיר האבן געלערנט איין היתר פון א דבר האבד, א זאך וואס האט א הפסד. מיר האבן געלערנט א זאך פון צורך המועד, דאס איז בעסיקלי וואס מיר האבן געלערנט, צוויי היתרים. יעצט גייען מיר לערנען א דריטע סארט היתר, א זאך וואס איז א צורך רבים, נישט א צורך המועד, דאס הייסט, נישט לכבוד יום טוב וואס מ'מאכט עס, נאר סתם פאר די רבים, נאך א סארט היתר.

יא, זאגט דער רמב"ם, **עושין כל צרכי הרבים במועד.** זעט אויס אז ס'איז דא נישט דא די תנאים פון אויב מ'האט עס געקענט טון פארדעם אדער עפעס. צרכי הרבים מעג מען. **כיצד? מתקנין את קלקולי המים שברשות הרבים.** ס'איז דא א קלקול, ס'איז דא א סוער בעק-אפ, מעג מען טון ווייל ס'איז אן ענין פון צרכי הרבים, רשות הרבים.

און די זעלבע זאך, **מתקנין את הדרכים ואת הרחובות.** און מ'פלעגט דאך עולה רגל זיין, דאס איז דאך די טעג וואס ירושלים איז געווען אווערפלאוד פון מענטשן, עיר רבתי עם. האט מען געדארפט טון צרכי רבים, מעג מען עס טון יום טוב.

און נישט נאר דאס, **וחופרין לרבים בורות שיחין ומערות,** מ'דארף גראבן פרישע וואסער פאר די עולם, מעג מען עס טון. **וכורין להם נהרות,** מ'מעג גראבן נהרות, טייטש, גראבן פלעצער אז ס'זאל איינזאפן מי גשמים לכאורה, **כדי שישתו מים,** זאלן האבן וואס צו טרינקען. **וכונסין מים לבורות ומערות של רבים,** מ'מעג צוזאמזאמלען וואסער, דאס הייסט, קריעיטן וואטערפאלס אז ס'זאל רינען אין די ריכטיגע פלאץ אין די בורות ומערות של רבים. **ומתקנין את סדקיהן,** מ'מעג פארריכטן די שפאלטן אז די וואסער זאל זיך גוט צוזאמזאמלען. **ומסירין הקוצים מן הדרכים,** מ'מעג אוועקנעמען קוצים וואס איז מסוכן פאר מענטשן.

מקוואות, מען מעג מעסטן די שיעור פון די מקוואות צו מאכן זיכער אז ס'איז דא געגוג מקוואות פאר עולי רגל, פאר די אידן וואס זענען דארט. און נישט נאר מען מעג מודד זיין, נאר נאכ'ן מודד זיין, **ומקוה שנמצא חסר, מרגילין לו מים.** מען מעג אים... מרגילין לו מים מיין איך איז אזא לשון פון ברגל, ס'טייטשט מען מעג דארטן שטיין און גראבן ארום אז די וואסער זאל זיך רינען אהין.

**Speaker 2:** דאס איז דאך באופן וויניגער... מרגילין לו מים מיינט וויניגער טרחה אדער וואס? נישט אנשעפן?

**Speaker 1:** ניין, ניין, דאס איז די נארמאלע וועג. מען מעג מאכן וואסער וואטעווער מ'דארף צום פילן די מקוה.

**הלכה יא: צרכי רבים — בית דין סערוויסעס**

**Speaker 1:** און וואס נאך צרכי רבים רעכנט ער אויס נאך? **ויוצאין שלוחי בית דין להפקיר את הכלאים.** זיי האבן דאך געלערנט אזוי אז באחד באדר גייען ארום שלוחי בית דין וועגן כלאים, ארומגיין מאכן זיכער אז אידן עסן נישט כלאים, מפקיר זיין אז די כלאים זאלן זיי אנקריכן.

**ופודין את השבויין,** אויסלייזן געפאנגענע. און די זעלבע זאך, פודה זיין **ערכים, חרמים, והקדשות,** דריי סארט וועגן ווען א מענטש איז מקדיש עפעס פון זיינע נכסים זאל, אדער ערכו, דער ערך פון דעם זאל זיין פאר הקדש, אדער ער האט מחריב געווען עפעס זאל זיין פאר הקדש, אדער מקדיש געווען עפעס, און אין הלכות הקדשות וועט מען מער מסביר זיין סתם וואס איז די חילוקים צווישן די זאכן. דארף דער בית דין שיקן מ'זאל אפשאצן דעם ערך, אדער מ'זאל קאנפיסקירן דעם חרם, אדער ברענגען דעם הקדש צו. פודה זיין מיינט אז דער מענטש האט מקדיש געווען זיין טיש, ער קען צאלן א כערכו, ער קויפט עס אויס פון הקדש.

**ומשקין את הסוטות,** ס'איז דא סוטה, מעג מען זיי משקה זיין ביום טוב. ס'איז אויך אינטערעסאנט, ס'איז עפעס וואס מ'קען טון נאך יום טוב, אבער ער זעט אז ס'איז א צרכי רבים אז דער מענטש זאל זיין רואיג. **ושורפין את הפרה,** כדי צו קענען האבן אפר פרה פאר די אידן. **ועורפין את העגלה,** אויב מ'האט דא אן עגלה ערופה מעג מען עס טון יום טוב. **ורוצעין עבד עברי,** מ'מעג טון די "ורצע אדניו את אזנו" פון די עבד עברי.

**Speaker 2:** ס'מיינט זיך אז ס'איז ווי א בית דין סערוויסעס.

**Speaker 1:** יא, ס'איז די סערוויסעס פון די בית דין, דאס איז צרכי רבים.

**Speaker 2:** יעדער איינס איז א יחיד, א סוטה איז א יחיד.

**Speaker 1:** **ומטהרין את המצורע.** און וואס נאך? **ומציינין על הקברות שמוחו הגשמים.** אויב ס'איז דא קברות, אבער מ'פלעגט פעינטן קברים צו וויסן אז דא איז דא א קבר, אבער ווען ס'האט גערעגנט איז עס אוועקגעגאנגען און ס'האט זיך אויסגעמעקט די סימן.

**Speaker 2:** מעג מען עס נאכאמאל אנפעינטן אדער וואס?

**Speaker 1:** **כדי שיפרשו בהם כהנים,** כהנים זאלן וויסן. **כל אלו צרכי רבים,** די אלע זאכן וואס זענען צרכי רבים, מעג מען דאס טון. אנדערש ווי יום טוב און שבת וואס מ'טאר נישט טון, אסאך פון דעם זענען מלאכות, אבער אויך איז דא מנוחה זיין, בית דין איז נישט דן בשבת.

**הלכה יב: דיני בית דין במועד וכתיבת מעשה בית דין**

**Speaker 1:** אה, יעצט גייט מען מער רעדן וועגן בית דין. דאס זענען געווען מער שוטרים, שופטים ושוטרים. יעצט גייט מען אויסרעכענען זאכן פון די בית דין.

די זעלבע זאך בית דין: **דנין דיני ממונות,** מ'איז נישט דן דיני ממונות, מחלוקת צווישן מענטשן, **דיני מכות** ווען מ'דארף געבן עונשים, **ודיני נפשות, במועד.**

און די זעלבע זאך, **מי שלא קיבל עליו הדין,** איינער וואס האט נישט מקבל געווען די דין וואס דער בית דין האט גע'פסק'נט, איז דא א חרם, מ'געבט א שמתא, **משמתין אותו במועד,** מעג מען טון די שמתא במועד.

**וכשם שדנין במועד,** פונקט ווי מ'מעג טון די עצם דין, די עצם דין איז מיינט אז די דיינים זעצן זיך צוזאמען, און נאכדעם איז דא די זאך אז מ'שרייבט עס אראפ פאר די בית דין'ס רעקארדס, **כך כותבין מעשה בית דין וכל הדומה לו,** און יעצט גייט ער מסביר זיין וואס טייטשט די כותבין

מעשה בית דין, **כיצד?** למשל, וועלכע סארט מעשה בית דין זענען דא? וואס דארף מען בית דין שרייבן?

זאגט ער, **כותבין הדיינים אגרות שום ששמו לבעל חוב,** מ'האט אפגעשאצט פאר א בעל חוב אז די פעלד איז ווערד פאר זיין חוב אדער כדומה, מעג מען עס אראפשרייבן. אדער **ואגרות שמכריזין בהם למזון האשה והבנות,** א מענטש איז אוועקגעפארן, איז בית דין יורדים לנכסיו און שאצט אפ די נכסים און פארקויפט עס, דארף דאס בית דין עס אראפשרייבן, האלטן אז ווען ער קומט צוריק זאל מען קענען עס פאדערן פון אים און אזוי ווייטער.

**Speaker 2:** פאר די רעקארד איז וויכטיג, יא? מ'זאל נישט פארקויפן נישט זיין גאנצע פעלד פאר אביסל.

**Speaker 1:** די זאכן דארף מען האבן בית דין רעקארדס.

**Speaker 2:** אה, אקעי. יא.

**Speaker 1:** **בשטרי...** דער רבי איז דא סדר פון די בית דין איז אז מ'שרייבט עס אפ. **בשטרי חליצה ומיאונין.** אויב איינער האט געמאכט חליצה, שרייבט מען אראפ אז די פרוי האט שוין באקומען חליצה, זי מעג שוין חתונה האבן, אדער מיאון. א קטנה וואס האט חתונה קען ארויסגיין במיאון, אבער בית דין דארף שרייבן א צעטל אז זי איז מער נישט קיין ענין.

**וכל הדומה להם, ודברים שצריכים הדיינים לכותבם כדי שיזכרום,** אלעס וואס די דיינים דארפן שרייבן כדי זיי זאלן געדענקען, אפילו מער פון דעם, **כגון טענות בעלי דינים,** אינמיטן א דין תורה קומט ארויף אסאך טענות, שרייבט מען אראפ נאוטס, **או דברים שקיבלו עליהם, כגון איש פלוני נאמן עלי, איש פלוני ידין לי,** אין א דין תורה קומט אויס אז א מענטש זאגט, "דער וועט מיר יא נעמען, דער נישט", אלע זאכן דארף מען אראפשרייבן, ס'זאל נישט זיין אלעס צופלויגן, מעג מען טון, ווייל דאס איז אלעס צורך הרבים.

די זעלבע זאך, **מי שצריך ללוות במועד,** איינער דארף בארגן געלט אין מועד, **ולא יאמינו המלוה,** און ער גלייבט אים נישט אויפ'ן ווארט, ער וויל נישט מאכן קיין מלוה על פה, **הרי זה כותב שטר חוב,** מעג מען שרייבן א שטר חוב.

דא איז נישט דוקא... אה, די לעצטע זאכן, לאמיר זען די לעצטע זאכן. **וכן כותבין גיטי נשים וקידושי נשים ושוברין ומתנות,** א שטר אז מ'האט עפעס קונה געווען אדער מ'האט געגעבן א מתנה, **שכל אלו כצרכי רבים הן,** ס'איז אויך ענליך צו צרכי רבים.

#### דיסקוסיע: "כצרכי רבים" — וואס איז דער חילוק?

**Speaker 2:** די "כצרכי" גייט ארויף מסתמא אויף די לעצטע פאר זאכן, אויף די שטר חוב.

**Speaker 1:** ווייל דאס נישט אין בית דין טוט עס.

**Speaker 2:** אה, די גיטי נשים למשל וכדומה, ס'איז נישט צרכי רבים.

**Speaker 1:** ניין, אויך נישט אין בית דין.

**Speaker 2:** ניין, מי שצריך להלוות במועד, הרי זה כותב שטר חוב. דער מענטש.

**Speaker 1:** אויף דעם זאגט ער, ס'איז כצורך הרבים. מען טוט עס טאקע נישט אין בית דין, אבער ס'איז כצורך הרבים.

**Speaker 2:** אקעי. יא.

#### הלכה יג: איסור כתיבת ספרים, תפילין ומזוזות

**Speaker 1:** ווייטער, זאגט דער רמב"ם, זאגט דער רמב"ם אזוי: **ואסור,** וואס גייט ער יעצט זאגן? צווייטע זאכן וואס דו ווערסט מיינען אז ס'איז אויך מותר? ניין, **ואסור לכתוב במועד אפילו ספרים תפילין ומזוזות.** מ'טאר נישט שרייבן יום טוב חול המועד קיין ספר תורה, תפילין און מזוזות.

און נישט נאר דאס, **ואפילו מגיהין אפילו אות אחת בספר העזרה.** מ'טאר אויך נישט... דער ספר וואס ליגט אין די עזרה, דאס איז דוקא אין די עזרה? אדער וואס? ס'מיינט אפילו בספר העזרה, אבער ס'זאל נישט מגיע זיין א ספר תורה. נישט נאר דאס, נאר אפילו דער ספר אין די עזרה איז געווען א ספר תורה וואס... איך מיין דארטן האט דער כהן גדול אפשר געליינט. הקהל האט ער... פון דארטן האט מען מגיע געווען אלע ספרים. ער איז דער... יא, ס'האט מען געלערנט און... קיינמאל נישט געלערנט. אבער על כל פנים, ספר העזרה, דאס איז דער ספר וואס... וואס... סאו ס'איז זייער וויכטיג אז ס'זאל זיין פונקטליך הונדערט פראצענט. דאס איז אזוי ווי דער... דאס איז דער ספר וואס פון דעם איז מגיה אלע אנדערע ספרים. איז זייער וויכטיג אז ס'איז א מגיה.

**Speaker 2:** וויאזוי קען זיין אז אין דעם ספר איז דא א טעות?

**Speaker 1:** ס'קען זיין. ס'קען זיך מאכן. ס'האט זיך אויסגעמעקט עפעס. יא.

**Speaker 2:** נישט אויב ס'האט זיך אויסגעמעקט, אבער מ'האט געטראפן א טעות.

**Speaker 1:** אקעי. אקעי. אקעי. מ'קען אויך מיינען, מ'פיקסט עפעס וואס...

**Speaker 2:** אקעי. ס'קען געשען אזא מיסטעיקס. ס'האט זיך אויסגעמעקט א אות.

**Speaker 1:** ניין. **מפני שהיא מלאכה שאינה לצורך המועד.** ס'איז נישט לצורך המועד. ס'איז טאקע זייער חשוב.

#### קשיא: פארוואס איז ספר העזרה נישט צרכי רבים?

**Speaker 2:** אינטערעסאנט אז דאס הייסט נישט א צורך הרבים.

**Speaker 1:** אינטערעסאנט, ס'איז נאך ממש א צורך הרבים. ס'איז דער ספר העזרה, אבער ס'איז נישט קיין מלאכה של צורך המועד. וואס קענסטו טון? דאס איז די פוינט.

**Speaker 2:** אבער פריערדיגע זאכן זענען אויך געווען פלענטי וואס מ'קען טון אחר המועד. אבער די היתר איז געווען ווייל ס'איז א צורך הרבים.

**Speaker 1:** יא, א גוטע קשיא. אדער אפשר, וואס איז דאך געווען כתיבה? ס'איז א גוטע קשיא. ס'איז א גוטע קשיא אז די מפרשים וועלן פרעגן עס.

#### דיגרעסיע: תפילין בחול המועד

**Speaker 1:** און ס'זעט אויך טאקע אויס אז מ'האט נישט געלייגט תפילין אין חול המועד, ווייל אויב מ'לייגט מען תפילין אין חול המועד און מ'דארף שרייבן תפילין, איז דאך ווייטער א זאך וואס מ'מעג טון אין יום טוב. יא?

**Speaker 2:** פארקערט, פארקערט, אבל... קוק דארטסטו דאס ווין. כותב ידם תפילין ומזוזות לעצמו. פריער איז געשטאנען מזוזות פאר... אויב איינער דארף מען, אבער אויב איינער דארף תפילין ומזוזות לעצמו... אדער טווה תכלת לבי גדולה, מיינען אז מ'דארף מאכן ציצית, מעג מען יא, ווייל דאס איז לצורך המועד, לצורך יעצט, מ'דארף עס זאגן פאר יעצט.

**Speaker 1:** אקעי. סאו בפשיטות, וואס ס'זעט דא אויס איז אז מ'לייגט יא תפילין חול המועד, ממילא דארף מען שרייבן לעצמו. ווייל ס'איז צורך היום טוב. ס'קען אויך יעצט זיין אז זיין זון גייט ביי מצוה האבן א טאג נאך יום טוב, און ס'דויערט פשוט צייט.

**Speaker 2:** קען זיין אז די ווארט איז נישט צורך המועד, נאר ווייל ס'איז א צורך גדול, ס'איז א צורך המצוה, ענליך צו צוריק רבים.

**Speaker 1:** יא, די שאלה איז אזוי, אויב דער חילוק איז לעצמו, דארף זיין מותר אויך שרייבן א ספר תורה לעצמו. פארשטייסט נישט, ער דארף א ספר תורה. ווייל ער דארף מקיים זיין א מצוה וואס... עס איז מקיים זיין א

טאג שפעטער, אבער תפילין איז דאך יא א מצוה וואס מען טוט יעדן טאג. אבער...

**היתרי מלאכה במועד: כתיבה שאינה מעשה אומן, צרכי המת, נישואין, וגילוח**

**היתר כתיבה שאינה מעשה אומן — אגרות שאלת שלום וחשבונות**

ס'קען אויך יעצט זיין אז זיין זון גייט בר מצוה האבן א טאג נאך יום טוב, און ס'דויערט פשוט צייט. די ווארט איז נישט צורך המועד, נאר ווייל ס'איז א צורך גדול, ס'איז א צורך המצוה, ענליך צו צורך העביר.

יא, די שאלה איז אזוי, אויב דער חילוק איז לעצמו, דארף עס זיין מותר אויך שרייבן א ספר תורה לעצמו. פארשטייסט נישט, ער דארף א ספר תורה. ווייל ער דארף מקיים זיין א מצוה. ער דארף מקיים זיין א טאג שפעטער, אבער תפילין, יא, א מצוה וואס מ'טוט יעדן טאג.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, יעצט גייט מען לערנען נאך היתרים איסער וואס מ'האט שוין געלערנט. סאו ביז יעצט האבן מיר געלערנט וואספארא היתר? איין היתר פון דבר האבד, די צווייטע היתר פון צורך המועד, די דריטע היתר פון צורך רבים. יעצט קענען מיר לערנען א פערטע היתר פון צורך פרנסה. כאילו, איך ווייס נישט וואס עס רופט מען. ס'איז אויך א צורך המועד. און אין לויט וואס ער מאכט עסן. א מענטש האט נישט וואס צו עסן. נישט ער מאכט עסן. אה, מען קען אנדערע זאך. מען מעג מתנה זיין, מען מעג טון פרנסה, זאכן וואס מען וואלט נישט מתיר געווען. אבער כותב ומוכר לאחרים. למשל, א סופר דארף האבן געלט, ער דארף שרייבן תפילין כדי צו האבן וואס צו קויפן אויף יום טוב צו עסן, מעג ער יא פארקויפן אפילו מוכר לאחרים כדי פרנסתו.

רייט, דער הלכה גייט אויף דעם סופר. א סופר וואס האט נישט צו עסן אויף יום טוב, מאכט ער א תפילין, און ער פארקויפט עס פאר א איד ערב יום טוב.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **ומותר לכתוב איגרות של שאילת שלום במועד**. די אלע זאכן וואס מ'האט געלערנט איז כתיבה, וואס איז א כתיבה פון פראפעשענעל. אבער סתם אן אגרת פון שאלת שלום, באגריסן א חבר, שיקן א שיינע בריוו פון קעמפ צו די מאמע, דאס מעג מען טון במועד.

פארוואס? ווייל דאס איז נישט קיין... ווייל... פארוואס מעג מען דאס? שרייבן איז אויך דא א מלאכה. אדער אפשר ווייל ס'איז אן ענין פון... וואס רעדסטו? אגרות שאלת שלום. זיין גוט, האבן גערעדט. וואס מעג מען? ווייל ס'איז אן ענין פון אהבה צווישן מענטשן? לאמיר זען.

און די זעלבע זאך, **וכותב חשבונותיו**, אז א מענטש מעג שרייבן זיינע חשבונות, **ומחשב יציאותיו**, ער מעג האלטן חשבון, ער מעג אראפשרייבן זיין בוקקיפינג. פארוואס? **שכתיבות אלו אין אדם נזהר בתיקונם**, די כתיבות שרייבט מען נישט דווקא זייער שיין, מען טוט עס נישט ווי א פראפעשאנעל, **ונמצאו כמעשה הדיוט במלאכות**.

**דיון: חילוק בין מעשה הדיוט בכוונה למעשה הדיוט מעצם טבעו**

אינטערעסאנט, ווייל ביז יעצט האבן מיר געלערנט אז ווען מ'טוט א מעשה הדיוט דארף מען אויך האבן נאך עפעס א היתר צו טון. וואס הייסט? ס'איז נישט אז אלע מעשה הדיוט מעג מען טון. פריער האבן מיר געלערנט אז ווען מ'דארף יום טוב זאל מען עס נישט טון ווי א מעשה אומן.

לצורך. נו, די אלע זאכן זענען א צורך. מגרש אשתו לאהבה, וועסט אים באגריסן א טאג נאך יום טוב. ניין, אזויווי מ'האט מתיר געווען משלוח מנות וכדומה. אקעי, ס'איז א צורך, אזוי זעט אויס. מ'דארף האבן א חשבון. יא, וואס איז א צורך? אבער אויב וואלט עס ווען געווען א מעשה אומן, וואלט מען נישט מתיר געווען. אבער היות אז ס'איז מעשה הדיוט, מעג מען יא.

שוין. וואס נאך? נאך היתרים? דאס איז בעסיקלי, אויב מ'וויל וויסן די כלל, דאס איז בעסיקלי די כלל וואס מ'האט געזען פריער, אז בדבר של צורך המועד טאר מען טון בדרך מעשה הדיוט. דאס איז די זעלבע פלאץ. די חשבונות איז אפשר א צורך המועד צו האלטן קאנטראל אויף זיין... יא, אקעי.

**הלכה טו: צרכי המת במועד**

שוין. יעצט גייען מיר לערנען נאך א היתר אויף כבוד המת.

**עושין כל צרכי המת במועד, גוזזין שערו ומכבסין כסותו**, מ'מעג אים אפשערן, אפוואשן, מאכן אן ארון. און נישט נאר דאס, נאר מ'מעג אפילו, **ואם לא היו להם נסרים**, זיי האבן נישט געהאט קיין העלצער, מעג מען אפילו גיין שניידן העלצער, **מביאין קורות ונוסרין מהן נסרים בצנעה בתוך הבית**, מעג מען אפילו בויען אן ארון. אבער דאס טוט מען **בצנעה בתוך הבית**. די אנדערע זאכן זעט מען אז ס'איז לצורך המת, דאס וועלן דאך נישט מענטשן וויסן, מ'וועט מיינען מ'בויעט דא, מ'מאכט דא סתם זאכן.

**ואם היה מת מפורסם**, אויב איז ער א באקאנטער מענטש, א צדיק, איך ווייס נישט וואס, און מענטשן האלטן מיט אז דא ביי די שטוב איז דא א מת, און מענטשן וויסן אז די העלצער וואס מ'ברענגט איז פאר אן ארון, **עושין אפילו בשוק**.

אבער וואס טאר מען נישט טון? ער האט געזאגט, **מביאין קורות**, מ'ברענגט שוין אפגעשניטענע העלצער. **אבל אין כורתין עצים מן היער לנסר מהם לוחות לארון**, מ'טוט נישט אזוי ווייט אז מ'זאל יעצט מתיר זיין צו אויסהאקן א וואלד צו מאכן די העלצער. און די זעלבע זאך, **ואין חוצבין אבנים לבנות בהם קבר**, סיידן מ'טרעפט סתם שוין דא ערגעץ געשניטענע. אפשר איז דאס א גרויסע טירחא, אדער עפעס אזא סארט זאך. אפשר איז דאס אינטערעסאנט.

שוין.

**הלכה טז: אין רואין את הנגעים במועד**

ווייטער, אונז האבן געלערנט אז מ'מעג טון צרכי רבים. וואס טוט זיך וועגן א נגע וואס א כהן דארף קוקן א נגע? איז דא דא א הלכה, **אין רואין את הנגעים במועד**. פארוואס? **שמא ימצא טמא**. ווי לאנג דער כהן האט נישט מטמא געווען, איז ער נאך בחזקת טהור, און נעבעך גייט מען יעצט קובע זיין אז ער איז טמא, **ונמצא חגו נהפך לאבל**. אויף יום טוב האט מען אים געמאכט בצער. מ'טאר נישט יום טוב קובע זיין א זאך וואס איז צער.

**דיון: פארוואס ספק איז נישט ערגער ווי וודאי טומאה**

ווייטער, נאך זאכן. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ס'איז דאך אויך דא א צער פון די "unknown", פון ספק, אבער דאך, ס'ווערט זיכער אז אסור איז ערגער. ס'איז נישט קיין ספק. א נגע ווערט מען בכלל נישט... ער ווערט א דין עבד, יא? ער דארף זיין מחוץ למחנה וועגן דעם.

יא, אבער די פוינט איז, א נגע ווערט נאר טמא ווען דער כהן זאגט. ס'איז נישט קיין ספק טמא, ס'איז אוודאי נישט טמא. ווי לאנג דער כהן האט נישט געזען, איז ער כשר. דאס שטייט אין תורה. סאו ער ווערט נישט טמא, ס'איז גוט.

**הלכה טז: אין נושאין נשים במועד**

אונז האבן פריער געלערנט אז מ'מעג שרייבן שטר קידושין, גט, און די זאכן. אבער, זאגט דער רמב"ם, אבער מ'מאכט נישט די חתונה אליין. **ואין נושאין נשים**, אפילו נישט א יבום, וואס איז א מצוה, וואלסטו געטראכט דעמאלטס מעג מען יא, אפילו נישט א חתונה פון א יבום מעג מען טון במועד. פארוואס? דא איז אן אנדערע זאך: **כדי שלא תשתכח שמחת החג בשמחת הנישואין**. חתונה האבן איז דאך נישט קיין מלאכה, מ'מעג דאך אפילו חתונה האבן בשבת. אבער ס'איז דא דא אן אנדערע זאך, ס'איז דא אן ענין פון שמחת מועד. אזוי ווי אונז האבן פריער געלערנט, מ'מאכט נישט קיין הספד, ס'איז א טאג פון שמחה. אונז רופן עס "אין מערבין שמחה בשמחה", אבער דער רמב"ם רופט עס דא די ווערטער, ווייל די שמחת החג גייט פארגעסן ווערן, די שמחת חתן וכלה גייט "overpower"-ן.

**דיון: "אין מערבין שמחה בשמחה" — די מקור און די חילוקים**

"אין מערבין שמחה בשמחה" שטייט אמת אויף עפעס אנדערש. דאס הייסט, לאמיר נישט אריינגיין. איך ווייס, איך האב געזען אין רמב"ם, ער זאגט דאס. ער זאגט דאס אויף אנדערע ווערטער. ס'איז דא פון צוויי זייטן. ס'איז דא אז דער... ס'איז דא א חיוב פאר יעדע פרוי. א מענטש האט חתונה מיט צוויי פרויען, שטייט אז ער טאר נישט מאכן אויף איינמאל ביידע חתונות, ווייל ער קומט פאר יעדע איינע עקסטער. דאס איז מצד שמחת יום טוב. ס'קען זיין אז ס'איז דא מצד די פרוי אויכעט, אבער דא רעדט מען מצד שמחת יום טוב, ווייל ער וועט יא מאכן א סעודה לכבוד זיין חתונה, ער וועט נישט מאכן קיין סעודה פון יום טוב.

### מחזיר גרושתו ואירוסין

אבער וואס מ'מעג יא טון, **אבל מחזיר גרושתו**, א מענטש מעג טון די מחזיר גרושתו יום טוב, **ומארסין נשים במועד** מעג מען אויכעט ווערן א חתן כלה און מאכן א ווארט. אבער, **ובלבד שלא יעשה סעודת אירוסין**. די סעודה מאכט מען נישט, פארוואס? **כדי שלא יערב שמחה בשמחה.** און דאס שטייט יא, מ'דארף עקסטער... מחזיר גרושתו איז א קלענערע שמחה. נושא אשה חדשה גייט זיין זייער בשמחה. אפילו אן א סעודה, ער טאר נישט, ווייל ער גייט זיין אזוי פריילעך וועגן זיין חתונה אז ער גייט נישט פרייען מיט דעם יום טוב.

### חידוש פון יבום

און דעמאלטס דער חידוש פון יבם זיין דארטן איז, אז דו זאלסט נישט מיינען אז יבום איז אזוי ווי מחזיר גרושתו, כאילו מ'איז דאך נאר ממשיך די ברודער'ס חתונה, יא? דו קענסט אנקוקן אזוי ווי ס'איז א קאנטיניועישאן, יא? בית אחיו. אבער דאס הייסט אויך א נייע פרוי, מחזיר גרושתו איז א קלענערע שמחה. איך קען נישט שוין, לבו גס בה. אבער מען טאר נישט מאכן קיין סעודה, ווייל די סעודה איז די פראבלעם אז די שמחה גייט אוועקנעמען. כדי שלא יערב שמחה בשמחה, און דאס איז די זעלבע זאך, כדי שלא תשתכח.

### דיון: מתי מותר לעשות סעודה

ניין, דאס איז לכאורה די פארקערטע זאך, ווייל פריער רעדט מען אז אפילו אן א סעודה לכאורה טאר מען נישט נושא זיין נשים, ווייל דעמאלטס איז פון זיין שמחה. אבער ס'טאר זיין נושא אן א סעודה. א סעודה זאל ער מאכן עקסטער. נאך יום טוב זאל מען מאכן די סעודה. דאס הייסט, ער קען מאכן אירוסין, אבער די סעודה זאל מען מאכן אסרו חג. יא.

### הלכה יז: אין מגלחין ואין מכבסין במועד

זאגט דער רמב"ם ווייטער, נאך הלכות. זאגט דער רמב"ם אזוי, נאך הלכות וואס מ'טאר נישט טון פאר אן אנדערע סיבה. **אין מגלחין ואין מכבסין במועד**, מ'טאר זיך נישט וואשן, שערן אדער וואשן וועש במועד. לכאורה איז דאך די גרעסטע צרכי המועד, אבער דא איז דא א נייע איסור: **גזירה שמא לא יגלח אדם עצמו לתוך המועד.** ווייל ער וועט אוועקלייגן אויף פאר יום טוב. וואשן איז א גרויסע עסק, ער וועט גיין אין מרחץ, זיך שערן, ער וועט עס אוועקלייגן פאר חול המועד. און וואס איז די פראבלעם? דאס איז דאך א צרכי המועד, אבער דא איז דא אן אנדערע פראבלעם: **ויבוא יום טוב ראשון והוא מנוול.** ער טראכט, אקעי, צווייטע טאג יום טוב וועל איך זיין שיין, ערשטע טאג ער איז ביזי, ער לייגט עס אוועק פאר חול המועד. איז פשט אז דאס איז משום כבוד יום טוב ראשון טאר מען עס נישט טון. ס'איז אזא קנס. אזוי ווי מ'וועט אים לאזן, וועט ער אריינגיין אין יום טוב, די ערשטע יום טוב וועט זיין וואן ער איז מנוול.

ממילא קומט אויס, ממילא אויב האט ער נישט געהאט קיין ברירה, **מי שאי אפשר לו לגלח ולכבס בערב יום טוב**, דעמאלטס געבט מען נישט די קנס, דעמאלטס איז א רייזא מותר לכבס ולגלח. ס'איז נישט א פאני ספר. ער האט עס גערופן א קנס, ס'איז מער אזוי ווי א וועג וואס די חכמים האבן מעניפולערטער די סיטואציע, מ'זאל עס מוזן טון ערב יום טוב.

### הלכה יח: מי שמותר לגלח ולכבס במועד

**כיצד?** דער רמב"ם מסביר, וואס הייסט ער קען נישט? כיצד? **אבל שחל שביעי שלו להיות ביום טוב**, דער זיבעטער טאג פון זיין אבילות איז אויף יום טוב, **או שחל להיות בערב יום טוב והיה שבת**, אויב ערב יום טוב איז שבת, און ער האט נישט געקענט אפשערן ערב יום טוב שבת ווייל ער האט געווען פארדעם אן אבל.

**או הבא ממדינת הים**, ער האט נישט געהאט קיין שערער, ער איז יעצט אראפגעקומען פון די שיף. **והוא שלא יצא לטייל**, אויב זי איז געגאנגען סתם שפאצירן, דארפסטו אויסרעכענען אז זאלסט ענדיגן דיין שפאציר אויף צייט. אבער ער איז ארויסגעגאנגען אין סחורה, ער איז געגאנגען פאר א וויכטיגע זאך, **וכיוצא בה.**

**או היוצא מבית השביה ומבית האסורים**, ער איז ארויסגעקומען פון תפיסה, אדער פון א געפאנגעניש. בית האסורים מיינט וואס די רעגירונג טוט, בית השביה מיינט סתם באנדיטן.

**או מי שהיה מנודה**, און א מנודה טאר זיך נישט שערן, מ'האט אים נאר מתיר געווען, מ'האט געענדיגט די נידוי במועד.

**או מי שנשבע שלא לגלח ושלא לכבס, ולא נשאל לחכם והתיר נדרו אלא במועד.**

זאגט דער רמב"ם, **וכלם**, די אלע וואס מ'האט אויסגערעכנט, **אויב האבן זיי יא געהאט פנאי צייט לגלחן ולא גלחתן, בין מתוך המועד בין קודם הרגל** — [דעמאלטס באקומען זיי דעם קנס].

### הלכה יט: נזיר ומצורע

א נזיר וואס טאר זיך נישט שערן, אדער א מצורע וואס טאר זיך נישט שערן, איז מותר לגלח בתוך המועד. פארוואס? ווייל די צוויי ברענגען א קרבן —

## הלכות חול המועד — תגלחת, כיבוס, וסחורה

### הלכה יז-יט: תגלחת במועד — המשך

#### תנאי ההיתר: פנאי לגלח קודם הרגל

זאגט דער רמב"ם, **"וכולם"**, די אלע וואס מ'האט אויסגערעכנט, **"אם היה להם פנאי לגלח קודם הרגל ולא גלחו אסורים"**. דאס הייסט, ווייל דער היתר איז ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלעגנהייט. אויב האט ער יא געהאט א געלעגנהייט, העלפט נישט דאס אפילו אויב ס'איז געווען אין תפיסה.

#### נזיר ומצורע — היתר מיוחד

זאגט דער רמב"ם, **"אבל הנזיר והמצורע שהגיע זמן תגלחתן בין מתוך המועד בין קודם הרגל"**, א נזיר וואס טאר זיך נישט שערן אדער א מצורע וואס האט א מצוה זיך צו שערן שפעטער, **"מותר לגלח בתוך המועד"**. פארוואס? ווייל די צוויי ברענגען א קרבן וואן זיי שערן זיך. און דער נזיר לייגט אריין די האר דארטן אונטער'ן טאפ און אזוי ווייטער, און די זעלבע זאך דער מצורע. זעט אויס אז די שערן האט צוטון מיט די קרבן. און אויב מ'וועט אים זאגן אז ער טאר נאך נישט שערן, וועט ער אויך אפשטופן די קרבנות. זאל מען נישט אפשטופן די קרבנות. ער וועט, ס'איז א כבוד יום טוב, ס'זאל זיין ווי מער... איך ווייס נישט, כבוד יום טוב, ס'איז דא אן איסור להשהות את הקרבנות. ס'איז אן עקסטערע זאך, א מענטש האט א קרבן דארף ער עס ברענגען גלייך. סאו דו קענסט נישט אפשטופן די קרבן ווייל דו ווילסט נישט שערן זיך יום טוב. הגם אזוי וואלט ער אפשר געדארפט טון ערב יום טוב.

#### כל היוצא מטומאתו לטהרתו

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"כל היוצא מטומאתו לטהרתו"**, ער איז געווען טמא און ער איז יעצט געווארן טהור, **"מותר לגלח במועד"**. פארוואס, ווען מ'איז טמא שערט מען זיך נישט? אה, א מענטש זאגט אלס א הכנה צו טבילה אפשר. נישט קלאר. ס'איז עפעס די סדר אז איינער וואס איז טהור זיך מגלח. ס'איז דא נאך חציצה וכדומה, פאר מקוה גייט מען... מ'שערט זיך. יא, אבער ס'איז נישט קיין חילוק. אקעי. די זעלבע זאך קטן שנולד. ביי מיר מורד, ביי מיר רעדן אז איך קען מטהר זיין פריער. די תירוץ איז, ווען א

מענטש איז טמא, איז עפעס איינגעפירט אז מ'שערט זיך נישט. דאס מוז זיין, רייין? יא, איז דא רמז אויף די ווערטער פון די זוהר, אז מ'שערט אפ די האר פון נידות. יא, ס'איז געווען... וואו זענען מיר נאך דא? כל היוצא מטומאה לטהרה? איז עפעס די מדה, יא. טומאה אין אלא התקשרות. אזוי זעט מען, מ'זעט אז ס'איז געווען די סדר, און אז א מענטש איז טמא, שערט ער זיך נישט. ס'איז אינטערעסאנט.

**קטן שנולד**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"בקטן שנולד"**, די קינד איז געבוירן געווארן, סיי די קינד איז געבוירן געווארן אויף יום טוב אדער פאר יום טוב, **"מותר לגלחו במועד"**, מעג מען אפשערן אויף יום טוב.

**אנשי משמר**

זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"ואנשי משמר ששלמה משמרתם בתוך המועד"** - מענטשן וואס אין בית המקדש איז געווען משמר, דאס איז געווען זייער משמר צו זיין אין בית המקדש, זינגען... די כהנים. כהנים אדער די ישראלים וואס זענען די אנשי משמר? ס'איז אויך געווען משמרות פון ישראלים וואס זענען געקומען אין ירושלים. אנשי מעמד. אנשי משמר מיינט די פאמיליעס וואס זענען געווען, די כהונה איז געווען צעטיילט אין גרופעס. די אנשי משמר וואס האט זיך געענדיגט זייער משמר בתוך המועד, און זעט אויס אז ווי לאנג מ'איז אין די משמר האט מען נישט קיין צייט, מ'איז נישט פנוי. די גילוח, וואס הייסט אנשי משמר אסורים לגלח בשבת שלהם? אין די וואך פון אנשי משמר טארן זיי זיך נישט שערן. ס'איז אויך אזוי אז ער זאל זיך שערן פריער. יא, זייער גוט.

**הלכה כ: שפם, ציפורנים, ותכשיטי נשים**

אקעי, וואס מעג מען יא? זאגט דער רמב"ם, **"מותר ליטול שפמו"**, שפם מיינט שפה, מיר רופן עס. מ'מעג יא אפשניידן די וואנצעס בחולו של מועד, **"או ליטול צפרניו"**, אפשניידן די נעגל. דאס מעג מען טון אפילו בכלי, ווייל די מגלח זיין פון וואס מ'רעדט איז, אפשערן די האר פון קאפ איז אן עסק, אבער אפשניידן די וואנצעס אדער די נעגל איז א קלייניגקייט. און די זעלבע זאך, **"ומעברת האשה שער בית השחי ובית הערוה בין ביד בין בכלי"**, ווייל דאס איז אויך, נישט פון דעם רעדט מען, נישט דאס מיינט תגלחת.

די זעלבע זאך אויף א פרוי ווייטער, זי מעג טון נאך צרכי הגוף, זי מעג טון אלע תכשיטים, זי מעג זיך שמירן אירע אויגן, **"ופוקסת"**, און מאכן שיין איר האר, **"ומעברת שרק על פניה"**, מ'לייגט מעיק-אפ אויף איר פנים, **"וטובלת עצמה בסיד"**, אדער לייגן אויף איר פנים סיד צו געבן קאליר, צו געבן א רויטקייט, די אלע זאכן. **"והוא שתוכל לקלפה במועד"**, נאר אויב זי קען ענדיגן אז אויף יום טוב זאל זי שוין זיין שיין. ווייל די סיד איז א זאך וואס העלפט נאכדעם פארן, א פחד אז מ'דרייט זיך ארום מיט א פנים אנגעשמירט מיט סיד. אבער די ווארט איז אז ווען מ'נעמט אראפ די סיד זאל די פנים זיין שיין, און דאס, ווי לאנג ס'איז א הכנה צו יום טוב מעג מען טון.

**הלכה כא: כיבוס — וואשן קליידער במועד**

**העולים מטומאה לטהרה**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"הזבים והזבות והנדות והיולדות וכל העולים מטומאה לטהרה בתוך המועד"**, איז ווי לאנג זיי זענען געווען טמא האבן זיי זיך נישט געוואשן די קליידער. איז יעצט ווערן זיי טמא, אזוי ווי מיר האבן געלערנט די גמרא מיט תגלחת, מעגן זיי אויך וואשן.

**מי שאין לו אלא חלוק אחד**

די זעלבע זאך, **"מי שאין לו אלא חלוק אחד"**, איינער וואס האט נעבעך נאר איין העמד, מעג אויך אויסוואשן די העמד פאר יום טוב.

**מטפחות — האנטוכער און שמאטעס**

און אנדערע זאכן וואס מען וואשט אפט, מיט פחות הידים, מיט פחות הספרים, שמאטעס, האנטוכער וואס צו וואשן צווישן די הענט, אדער וואס שערערס נוצן, אדער מיט פחות הספוג, שמאטעס וואס מען נוצט איינצוזאפן און צו נוצן אינדערהיים. איז א ראיה למיתורם לכבוד. מעג מען וואשן, ווייל דאס איז נישט... מכבס זיין וועש איז א חשוב'ע זאך, אדער איז א טרחא, אבער די זאכן מעג מען.

**כלי פשתן — אונטערוועש און ווייסע וועש**

פארוואס טאר מען נישט מכבס זיין יום טוב ווייטער? ווייל מען זאל קענען... אבער דאס איז סדר אסאך צו טון. יא, איך מיין אויך אין די ניין טעג מאכט מען אסאך מאל די חילוק. האט נישט געטון לכאורה ווייל א גאנצע זאך איז פון שמחה. יא, פרישע וועש איז מער א דבר חידוש, עפעס וואס מען טוט נישט יעדן טאג. דאס זענען טאג טעגליכע זאכן. חן, כלי פשתון. די פוינט דא איז אז די גאנצע איסור פון מחבש זיין מודה איז נישט ווייל ס'איז א שמחה, ערב יום טוב זאל זיין. אבער די קליין, די האנטעכער איז געמאכט, די סדר איז מען וואשט עס יעדן טאג אדער יעדע דריי טעג, וואטעווער ס'איז. פארשטייסט? ס'ווערט זייער שנעל שמוצעק. ס'קען נישט זאגן אז ס'דארף מאכן ערב יום טוב, ווייל ער האט שוין געטון ערב יום טוב. פארשטייסט?

אקעי. זאגט דער רבי, וחן, כלי פשתון. אנדערש ווי אנדערע בגדים וואס מ'וואשט נאר once in a while, אזוי ווי איך ווייס, איך ווייס נישט, א בעקיטשע וואס מ'געבט אריין צו די קלינערס מיט עס נישט יעדן טאג, טאר מען נישט. אבער כלי פשתן, אונטערוועזש, איך ווייס, ווייסע וועזש, דא מיינט עס כלי פשתן. מ'וואלט דאך געזאגט, אין אונזער מציאות איז עס וואשן, מ'וואשט אסאך. ממותר לכבש המועד מני שאין צריכים כבש תמיד. אפילו נתקופס ערב יום טוב, מעג מען עס נאכאמאל וואשן אויף חול המועד. פארוואס ווייל די סדר איז ווייטער? דו קענסט נישט נאר וואשן ערב יום טוב, ווייל די סדר איז אז מ'וואשט עס יעדן טאג, יעדע פאר טעג.

**דיסקוסיע: כלי פשתן אין היינטיגע צייטן**

און איך האב געזאגט. רבונו של עולם, אין עושין סחורה במועד. ביז יעצט האט מען גערעדט וועגן מלאכה, דא רעדט מען וועגן משא ומבח. איך וויל נאר זאגן, אויב למשל היינט איז איינגעפירט אז מ'וואשט קליידער יעדן טאג, איך ווייס נישט, אדער אזוי ווייטער, קענסטו ווייטער זאגן אז ס'איז נישט נוגע די גאנצע גזירה אז מ'זאל וואשן פערד, מ'זאל נישט וואשן חול המועד, ווייל איך ווייס נישט פון איין טאג וואס מ'וואשט נישט קליידער ביי מיר אינדערהיים. סאו אלעס איז ערוויקלי פשטן, מיט אונז זענען זייער באפונדיג אז מ'קען אן קליידער איין טאג און מ'געבט עס א וואש.

קען זיין אז ס'איז נישט שייך, ווייל אנדערע ווערטער היינט, ווער ס'איז מקפיד אויף נישט וואשן קליידער חול המועד, איז בעיסיקלי די הלכה זאגט אז דו דארפסט האבן צוועלף פאר העמדער, איך ווייס פאר יעדן טאג יום טוב וועסטו האבן. דאס איז נישט וואס די הלכה איז, אז דו פארשטייסט וואס האבן איינס. ערב יום טוב האסטו געהאט א ריינע העמד, קיינער האט נישט קיין ריינע העמד. און די סדר איז אז די העמד וואשט מען נאכאמאל.

איך מיין צו זאגן אז ס'וועט ווערן אזוי ווי מי שאין לו אלא חלוק אחד. ניין, אזוי ווי כלי פשתן. פון חלוק אחד איז געווארן צוועך חלוקים. ניין, ווייל די ווארט איז חלוק אחד, ווייל דאס וואשט מען אייביג, כאילו מ'וואשט עס איבער. ניין, כלי פשתן איז ווייל ס'איז א צורה, כאטש קיין ברירה. מ'זאגט נישט אז חלקת, איך מיין אז איך האב נישט קיין... ער מוז נישט זיין שמוציג, געוואלד, ס'איז דא א הלכה אויף ער נישט זיך וואשן. אבער כלי פשוטין איז אן אנדערע הענט. ס'איז זאכן וואס דעסיידער איז. אויב דעסיידער איז, ס'איז נישט קיין זאך... איך מיין אז ס'איז נישט קיין זאך וואס אויב... אה, העלאו, שירה? יאסעלע איז עיר? נא? אממ... ס'איז נישט קיין זאך וואס... וואס מ'קען זאגן אז דו האסט געדארפט טון ערב יום טוב. דאס זאג איך, פארשטייסט?

זייער גוט, זאגט דער רמב"ם ווייטער. ביז יעצט האבן מיר געלערנט וועגן מלאכות, יעצט גייען מיר טון וועגן געשעפטן.

**הלכה כב: סחורה במועד**

**איסור עשיית סחורה**

**"אין עושין סחורה במועד"**, מ'טאר נישט מאכן קיין געשעפטן אויף חול המועד. מעשה ומתן פארקויפן, מין למכור, מין לקנות.

**דבר האבד — פארלירן אן אפארטוניטי**

אבער, זאגט דער רמב"ם, אויב אבער עס א הפסד, אבער דאס זעלבע רופט עס נישט הפסד, דא רופט ער עס דבר העבד. אה, דבר העבד... אה, זייער חילוק, אפשר דאס איז טעקניקלי דער חילוק, אפשר דבר העבד איז די טייטש אז דו גייסט פארלירן די סעיל. אבער דאס איז נישט קיין הפסד, ווייל ער פארלירט נישט... ער פארלירט אן אפארטוניטי, ער פארלירט נישט געלט. נישט צניידן תבואות, ס'גייט ווערן קאליע הייסט הפסד. דא זאגט מען אז ער פארלירט אן אפארטוניטי.

ממועד דבר העבד, ער קען ווען מאכן געלט, אבער ער טייטשט אז ס'איז יעצט דא א גוטע סעיל. שאין להם עצום יהדל אחר המועד. כגון, ספינת או של יראת שבאו, ס'קומט א ספינה מיט סחורה, און ווער ס'כאפט קויפט, אדער של יראת. און אויב ער גייט נישט קויפן, גייט ער פארלירן די אפארטוניטי. או שהם עבדים. וואקסן לצאת, אדער א סוכר וואס האלט שוין ביים אוועקגיין, אם מכרו בזול או לקחו ביוקר, און די סוכרים פארקויפן פאר ביליג, ער וויל שנעל קויפן, אדער דער מענטש האט געקויפט ביוקר און ער דארף עס שנעל פארקויפן, הרי זה מותר למכור ולקנות, כדי נישט צו האבן די שאדן.

**בתים ועבדים ובהמה — נאר לצורך המועד**

אבער דאס איז רגל לסחורה, ואין לקחין בתים ואבנים ואבדים מבהמה, דאס זענען... וואס איז דער ענין פון דעם? וואס איז א גרעסערע מין סעילד? איך ווייס נישט. ס'קען זיין אפשר איז עס קיינמאל נישט קיין דבר האבד, אפשר דאס איז די ווארט? ער איז לצורך המועד. אבער ער זאגט אז דאס איז א גרעסערע צער. די אלע וואס שרייבן אין א שטר, דאס זענען א גרעסערע... ממילא מעג מען עס טון לצורך המועד. אנדערע זאכן איז נישט קיין פרסום, ממילא מעג מען. אבער דאס וואס איז א פרסום איז א חומרא, און מ'מעג פאר לצורך המועד.

**דיסקוסיע: דער חילוק צווישן סתם סחורה און בתים/עבדים/בהמה**

ס'איז אויך קאנפיוזד. זעט אויס דעמאלטס איז נישט דא קיין היתר פון דבר האבד, נאר ווען ס'איז א... סאו קאנפיוזד. מ'מעג בכלל נישט קויפן און פארקויפן, האט ער געזאגט. דאס מיינט נאר שאין לצורך המועד, אויביסלי. די אנדערע זאכן איז אפילו די הפסד אליין גענוג א היתר. דא איז דא צוויי זאכן: הפסד און לצורך המועד. אבער ס'זאלט נישט אז דבר האבד דארף זיין א היתר אפילו אן צורך המועד, אזוי ווי מ'זעט א הלכה צוריק. ס'שטייט נישט א יוצא מן הכלל. ער זאגט דאך גלייך, ואין לוקחין. די אלע זאכן וואס מיר האבן גערעדט איז סתם סחורה, אבער בתים עבדים ובהמה טאר מען נישט קויפן אלא לצורך המועד. ס'איז מיר נישט קלאר.

אדער קען מען זאגן פארקערט, אז א קלייניגקייט וואס ס'זעט נישט אויס א גרויסע בזיון מעג מען יא קויפן אפילו נישט לצורך המועד. און די הלכה וואס מ'האט געלערנט, דאס איז נאר אויף די בתים ועבדים ובהמה. איך ווייס נישט. ס'איז very not clear.

לאמיר נעמען די לעצטע הלכה, אפשר מיר וועלן שטיין בעסער וועגן מכירה.

**הלכה כג: מוכרי פירות כסות וכלים**

**מכירה בצנעה לצורך המועד**

ווייטער, **"מוכרי פירות כסות וכלים"**. מענטשן וואס פארקויפן זאכן וואס מ'נוצט אייביג, פירות כסות אדער כלים, **"מעגן פארקויפן בצנעה לצורך המועד"**. ס'זאל נישט אויסקוקן אזוי ווי די געהעריגע אייביג א גאנץ יאר געשעפט, אבער מ'מעג פארקויפן לצורך המועד.

**כיצד — וואס מיינט בצנעה?**

**"כיצד"**, וואס איז די בצנעה? זאגט ער, **"אם היתה החנות פתוחה לרשות הרבים ולמבוי"**, אויב געוועגליך איז די חנות אפן נאר צו א ווינקל אדער צו א מבוי...

## הלכות חול המועד — פרק ז' (המשך)

**הלכה כ"ג: פרסום במכירת צרכי יום טוב**

**מוכרי פירות, כסות וכלים — בצנעה**

**דאס הייסט שוין א צנעא.** די צנעא דא מיינט נישט קיין צנעא אז קיינער זאל נישט זען. א מענטש זאגט אז ס'זאל נישט זיין מיט די גאנצע פאמפע. ווען ער מיינט **פתוחה לרשות הרבים**, דעמאלטס **פותח אחד ונועל אחד** — זאל ער נאר עפענען איין טיר. ס'זאל נישט זיין אזוי די זעלבע פרסום.

**ערב יום טוב אחרון של חג הסוכות — מותר בפרסום**

אבער ס'איז דא ווען מ'איז יא מתיר צו פארקויפן די זאכן וואס מ'דארף האבן פאר יום טוב מיט א פרסום. **ערב יום טוב אחרון של חג הסוכות**, דעמאלטס איז יא, **מוציא** מעג מען ארויסלייגן די סחורות אין פראנט פון די געשעפט, **ומעטר את השוק בפירות** — מ'מעג אפילו אים לייגן. ס'זעט אויס אז אזוי ווי היינט אויך, מ'לייגט די גוטע עסן לייגט מען אין פראנט פון די סטאר. ס'איז א דערפרעישן אזא. **דאס איז בשביל כבוד יום טוב.**

פסח איז נישטא דער היתר, אבער יום טוב אחרון של חג איז דאך א נייע יום טוב, ס'איז א נייע, ס'איז דא אן עקסטערע ענין פון כבוד יום טוב. יא, איך זאג עס גוט, ס'איז א נייע, אזוי אזוי זאגט ער, אז ס'איז א נייע יום טוב, מיינט קומט זיך עס נייע כבוד, כבוד יום טוב, מעג מען יא טון מיט א פרסום.

**מוכר תבלין — מפרסם כדרכו**

און די זעלבע זאך **מוכר תבלין** — די פירות כסות וכלים איז לאו דוקא אז מ'דארף עס אזוי וויכטיג פאר יום טוב, אבער מ'וואלט געקענט קויפן פארדעם. אבער תבלין, וואס אונז האבן שוין געלערנט פריער אין הלכות יום טוב, אז תבלינים איז אייביג גוט צו האבן נייע יום טוב, וועגן **יום כדרכו מפרסם**, ווייל דאס איז אייביג א צורך הכבוד יום טוב.

סאו למשל, די היינטיגע גראסערי וואס... מ'ווייסט נישט צו ס'איז אזוי ווי א מוכר תבלין אדער וואס? קליסט א חלק דערפון איז תבלין. סאו... אקעי. פרעגן די רבנים אין מלכות חול המועד.

**שאלה אומגעלייזטע: דין זאכן וואס זענען נישט מפורסם און נישט לצורך המועד**

ווייל ס'איז תלוי אין די שאלה, און ס'איז נישט קלאר געווארן די שאלה וואס מ'האט געהאט פריער. דאס הייסט, א זאך וואס איז נישט קיין פרסום — סאו קודם כל, דארף מען וויסן וואס הייסט פרסום, אזוי ווי די **עבדים ובהמה**, עפעס א גרויסע זאך, וואס דאס טאר מען נאר עפעס א דבר אבד, אדער עפעס א צורך המועד. איי מיר נאט קליער, אדער א זאך וואס איז... נישט לצורך המועד, אבער ס'איז אויך נישט קיין מפורסמ'דיגע זאך, נישט קיין עבדים, בתים ובהמה, ווייסן זיי נישט וואס די הלכה איז, ס'איז נישט קלאר אין דעם רמב"ם.

---

**הלכה כ"ד: מלאכת גוי וצורך פרנסה**

**כל שאסור לעשותו במועד — אין אומר לגוי לעשותו**

יעצט גייען מיר לערנען וועגן די אלע מלאכות, אויב וויל מען עס טון דורך א גוי. זאגט דער רמב"ם, **כל שאסור לעשותו במועד, אין אומר לגוי לעשותו.** זעט אויס אז דער ענין איז נישט, ס'איז דאך נישט אסור במלאכה, ס'איז דאך דער ענין אז ס'זאל נישט אויסקוקן וואכעדיג, ס'זעלבע וואכעדיג זעט אויס ווען דער גוי טוט עס.

**עני שאין לו מה יאכל — עושה כדי פרנסתו**

אבער, זאכן וואס איז **אסור לעשותו במועד, אבער אם אין לו מה יאכל** — די אלע זאכן וואס מ'האט גערעדט, פריער האט ער געזאגט ספעציפיקלי אויף א סופר, אבער דא זאגט ער, אלע זאכן וואס מ'האט געזאגט מ'טאר נישט טון, איז נאר ווען ער האט וואס צו עסן. אבער **אם אין לו מה יאכל, הרי זה עושה כדי פרנסתו** — מעג ער יא ארבעטן וויפיל ער דארף צו קענען קויפן אויף עסן. **וכן עושה סחורה** — ס'טייטש מעג סיי מלאכה מעג מען טון כדי פרנסתו, און אויך סחורה מעג מען טון כדי פרנסתו.

**עשיר שוכר פועל עני**

זאגט יעצט דער רמב"ם, וואס טוט זיך וועגן די קאסטומער? ס'טייטש דער ארימער מענטש וואס האט א... איך וויים נישט, א פורניטשער סטאר מעג עפענען. אבער וואס העלפט מיר אז ער גייט עפענען אויב מענטשן טארן נישט טון?

זאגט דער רמב"ם, אבער **מותר לעשיר לשכור פועל עני שאין לו מה יאכל** – נישט פון סחורה. דא הייסט ער, א מענטש וואס מעג טון, אן ארימער ארבעטער וואס האט נישט וואס צו עסן, ער מעג ארבעטן, אבער דער בעל הבית מעג אים נישט הייערן. וואס האב איך דערפון? ער מעג אויך נעמען א פועל עני וואס האט נישט וואס צו עסן, מעג ער אפילו טון **א מלאכה שאסורה במועד, כדי שיטול שכרו להתפרנס בו.**

ס'איז אינטערעסאנט, וואלט איך געקענט זאגן דער עושר געב אים צדקה, אבער ס'ארבעט נישט אזוי, מעג ער אים געבן צדקה אפילו וואס מ'טאר נישט געבן צדקה. ער קען ארבעטן מאכן זיין געלט. גוט, אבער זאגט מען, מ'איז מתיר צו טון אפילו זאכן וואס איז אסור במועד. וואספארא מין זאך וואס איז געווען צו זאגן? געבן צדקה? וואס איז געווען צדקה? ער איז א נארמאלער מענטש. נאכאמאל, מ'איז מתיר דא א זאך וואס מ'טאר נישט, דער בעל פון כלל.

**לוקחין מפני צורך המוכר**

די זעלבע זאך, אויך ווען ס'רעדט זיך פון סחורה, אן ארימער מענטש וואס האט א געשעפטל, אבער נישט פון צורכי מועד, נאר סתם זאכן. מ'איז אים מתיר וועגן פרנסתו, און אויך מתיר פאר אלע אנדערע מענטשן, מ'מעגן גיין קויפן ביי אים זאכן וואס איז נישט לצורך המועד.

סאו, זייער גוט. דאס איז דער היתר צו קויפן עניטינג חול המועד, ווייל מסתמא די אידן וואס פארקויפן עס זענען ארימעלייט, זיי האבן נישט וואס צו עסן אנדערש. אנדערש האט ער נישט געעפנט זיין סטאר. ניין, ס'איז נישט אמת.

---

**הלכה כ"ה: שכירת שכיר במועד לעשות לאחר המועד**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"שוכרין את השכר על המלאכה במועד לעשותה לאחר המועד".** אונז האבן מיר דא גע'אסר'ט צו טון מלאכה, אבער וואס מ'מעג יא טון איז, שבת למשל טאר מען נישט זאגן פאר א מענטש אז טו פאר מיר מלאכות נאך שבת. אבער חול המועד מעג מען יא דינגען אן ארבעטער צו טון מלאכות נאך יום טוב.

אבער ווען ער טוט עס, זאל ער נישט דעמאלטס מאכן די... **"שלא ישקול ולא ימדוד ולא ימנה"** – ער זאל נישט דעמאלטס אנהייבן טון די ארבעט, אדער אנהייבן מעסטן אדער אפוועגן וואסערע ארבעט ער גייט טון נאך יום טוב, ווייל דאס הייסט שוין יא א שטיקל אנגעהויבן, אדער ס'איז א בזיון פאר די יום טוב.

**גוי שקיבל קבולת מישראל – אסור אפילו חוץ לתחום**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"וגוי שקיבל קבולת מישראל"** – א גוי וואס האט באקומען עבודה בקבלנות. קבלנות מיינט א קבלנות, ער האט באקומען א קאנטרעקט פון א איד – **"אפילו היה חוץ לתחום"**, אפילו אויב ס'איז נישט לעבן ווי די אידן וואוינען. האט ער געמיינט אז חוץ לתחום איז זייער תירוץ, אבער בכלל מועד איז נישט קיין תירוץ. איך וועל נאך מער מחמיר. פארוואס? **"שהכל יודעים שמלאכה זו של ישראל"**. מענטשן ווייסן דאך אז ער ארבעט פאר א איד. **"מפני ששכר את הגוי לעשות לו במועד"**, מ'גייט נישט וויסן אז ס'איז א קאנטרעקט, מ'גייט נישט וויסן אז ס'איז א קבלנות. **"שאין הכל יודעים הפרש שיש בין השכר בין קבלן".**

אפילו גייט מען אים חושד זיין? שבת גייט מען אים נישט חושד זיין? ווייל וועלכע איד וועט טון אלעס שבת? ניין, שבת אויכעט, אבער שבת איז נאר בתוך התחום, ווייל שבת טאר מען נישט ארויסגיין חוץ לתחום. חול המועד טאר מען דאך ארויסגיין חוץ לתחום, סאו א איד גייט עס קענען זען. און שבת איז דא די זעלבע הלכה, אז א פלאץ וואס אידן זענען, טאר מען נישט לאזן א גוי, אויב ס'איז מפורסם שיש לו. האבן געלערנט וואטעווער וואס די כללים איז, אבער עס מיינט לויט יענע כללים. ממילא איז אסור אפילו חוץ לתחום, ווייל חול המועד מעג מען דאך פארן, מען מעג גיין ארויס לתחום. ממילא גייט א מענטש מיינען אז דער גוי ארבעט פאר דעם איד. ממילא טאר מען נישט אין חול המועד.

---

**סיום פרק ז'**

��ד כאן פרק ז'. ס'איז דאך פראקטישע הלכות, מ'וואלט געמעגט טרייען אויסצופרעגן, אבער דאס איז מער ווייניגער די כללים וואס מ'האט געלערנט.